כלל־ביבליאטעק

ג. פלאָבער

# הערָאדיאַדע

15/16

כלל־ביבליאָטעק

ג. פלאָבער

# הערָאדיאַדע

פון פראַנצויזיש — ר. זעליגמאַן

Юрьевская Еврейская
библиотека
№

כלל־פאַרלאַג
בערלין, 1922־תרפ"ב

Klal-Verlag / Berlin SW 68 / Verlängerte Charlottenstr. 1b

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922.
Klal-Druckerei, Berlin.

# I

אין מזרח־זייט פונם ים המלח האָט זיך געהויבן אין דער הייך די פעסטונג מאַקערוס אויף אַ שפּיץ־באַרג, וואָס איז באַשטאַנען פון באַזאַלטשטיין און גע־האַט די פאָרם פון אַ היטלצוקער. זי איז געווען אַרומ־גערינגעלט פון פיר טיפע טאָלן: צוויי — פון די זייטן, איינעם פון פאָרנט און איינעם פון הינטן. צופוסנס זיינען געווען אָנגעוואָרפן אין קופּקעלאַך הייזער, וועלכע זיינען געלעגן אין דעם היקף פון אַ וואַנט, וואָס האָט זיך געצויגן און געדרייט אין דער ליינג פון אַ הויקער־דיגער ערד־אויבערפלאַך. די שטאָט האָט זיך פאַר־אייניגט מיט דער פעסטונג באַ אַ וועג, וועלכער האָט דורכגעשניטן אַ פעלז. די ווענט פון דער פעסטונג זיינען געווען הונדערט און צוואַנציג איילן די הייך, האָבן פאַרמאָגט אַ שלל מיט ווינקלאַך, און באַ די עקן האָבן זיי געהאַט קליינע טורעמלאַך און ערטערווייז אויך גרעסערע טורעמס — דאָס זיינען געווען די קוויטן אין דער ראָזיגער שטיינערנער קרוין, וואָס איז געהאַנגען איבערן אָפּגרונט.

די פעסטונג האָט אינעווייניג געהאַט אַ פּאַלאַץ, באַ־פּוצט מיט גאַנצע קאָרידאָרן פון זיילן, און איז איבער־

גערעקט געווען מיט אַ ראַך, וועלכער איז אַרומגערינגעלט געווען מיט אַ פּאַרענטעש פון פייגן־בוים־האָלץ. אויף דעם ראַך זיינען געווען אָנגעבונדן שטעקנס, איבער וועלכע מען האָט געקאָנט איבערציהען אַ געצעלט פון טוך אין דער פאָרם פון אַ סוכה.

איינמאָל באַגינען איז דער שר הורדוס אַנטיפּאַס געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דעם פּאַרענטעש און האָט געקוקט.

גלייך אונטער אים האָבן די בערג אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן זייערע שפּיצן, בעת די גאַנצע מאַסע זייערע ביז דעם סאַמען אָפּגרונט איז נאָך געלעגן אינם שאָטן פון דער טונקלקייט. אין דער לופט האָט זיך אַרומ־געטראָגן אַ נעפּל; אָט האָט ער זיך אָבער פונאַנדער־געריסן, און עס האָבן זיך באַוויזן די ליניעס פון דער ים־המלח־אויבערפלאַך. הינטער מאַקערוס האָט עס שוין אָנגעהויבן צו טאָגן; דאָס ליכט פונם באַגינען האָט אַרום זיך פאַרשפּרייט אַ רויטקייט. באַלד זיינען באַלויכטן געוואָרן דער זאַמד פונם ים־ברעג, די בערג־לאַך, דער מדבר, און ווייטער אַביסל אויך אַלע בערג פון יהודה מיט אירע משופּעדיגע, גרויע און הויקערדיגע אויבערפלאַכן. אָט איז אין מיטן עין גדי ווי אַ שוואַרצער פּאַס; אָט איז אין אַ פּאַרטיפונג חברון, זיך פאַרקיי־לעכנדיג צו דער פאָרם פון אַ געוועלב; אָט איז דער אשכול מיט זיינע מילגרוים־בוימלאַך; אָט איז דער שרוק מיט זיינע וויינגערטנער און כּרמל מיט זיינע פעל־דער פון סעזאַם־קרייטערכצער; און אָט איז דער טורעם אַנטאָניאַ, שטאַרצנדיג איבער דער שטאָט ירושלים מיט זיין גוואַלדאָוונעם היקף. דער שר האָט פון אים אָפּגעקערט די אויגן, כּדי צו באַטראַכטן די פּאַלמען

פון יריחו און טראַכטנדיג מכּח די אַנדערע שטעט פונם גליל, מכּח קאַפּערנאַאום, עין־דור, נצרות און טבריה, וואוהין ער וועט שוין אפשר מער ניט קומען. דערווייל האָט זיך דער ירדן צעגאָסן איבּער דער טרוקענער סטעפּ, איינגאַנצן אַ ווייסער און אַ גלאַנציגער, ווי אַ בּרייטער שנייאיגער פּאַס. דער ים איז איצט געווען בּלוי — מיט דער בּלויקייט פון אַ לאַפּיס־לאַזולי־שטיין; צו דרום צו, פון דער תּימנער זייט, האָט אַנטיפּאַס בּאַמערקט דאָס, וואָס ער האָט ניט געוואָלט בּאַמערקן אויס פּחד. אומעטום זיינען געשטאַנען צעוואָרפן בּרוינע געצעלטן, מענשן מיט פּיקעס זיינען אַרומגעלאָפן אַהין און אַהער צווישן פערד, און פייערלאַך, האַלטנדיג בּאַם אויסגעלאָשן ווערן, האָבן געבּליאַסקעט, ווי פונקען, בּאַ דער סאַמער ערד.

דאָס זיינען געווען די מחנות פון דעם אַראַבּישן קיניג, וועמעס טאָכטער ער האָט אָפּגעשטויסן פון זיך, כּדי צו נעמען הורדוסעס טאָכטער העראָדיאַדע פאַר אַ ווייב. די ראָזינגע העראָדיאַדע האָט חתונה געהאַט מיט איינעם פון זיינע בּרידער, וועלכער האָט געלעבּט אין איטאַליע און האָט מוחל געווען אויף דער קיניגליכער קרוין.

אַנטיפּאַס האָט געוואַרט אויף דער הילף פון די רוימער, און אַז וויטעליוס, דער גובּערנאַטאָר פון סיריע, האָט זיך בּיז אַהער נאָך ניט בּאַוויזן, איז ער געוואָרן זעהר צערודערט.

אַגריפּאַ האָט אים מן הסתּם פאַרמסרט פאַרן קיסר? פיליפּ, זיין דריטער בּרודער, האָט זיך שטילערהייט בּאַוואָפנט. דאָס איז געווען דער אויבּערהאַר פון בּאַטאַניע. די אידן זיינען געווען אומצופרידן מיט זיינע נויאישע דרכים, און די אַנדערע — מיט זיין ממשלה

בכלל; אין דער איצטיגער רגע האָבן זיך באַ אים אַרומגעטראָגן אין קאָפּ צוויי פּלענער, און ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, וועלכן פון ביידע ער זאָל אָננעמען: צי זאָל ער זיך איבערבעטן מיט די אַראַבער, אָדער צי זאָל ער מאַכן שלום מיט די פּאַרטער; צום היינטיגן טאָג האָט ער פאַרבעטן צו זיך די מנהיגים פון זיינע חיילות, די פאַרוואַלטערס פון זיינע נחלאות און די אויבערהאַרן פונם גליל — אונטער דעם אויס־רייד, אַז ער וויל פּראַווען דעם יום־טוב פון זיין געבורטסטאָג.

מיט אַ שאַרפן קוק האָט ער זיך איינגעגעבערט אין די װעגן, וואָס פירן צו זיין שלאָס. זיי זיינען געווען פּוסט. אין דער הייך, איבערן קאָפּ, זיינען אַרומגע־פלויגן אָדלערס; אין דער לייננ פון דעם שלאָס־וואַל האָבן געדרימלט סאָלדאַטן, אָנשפּאַרנדיג זיך אָן דער וואַנט. אַלץ איז געווען שטיל אַרום און אַרום.

פּלוצלים איז דער שר בלאָס געוואָרן — פון דער־ווייטנס האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטים, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון די ערד־טיפענישן. ער האָט זיך איינגעבויגן, כּדי בעסער צו הערן. די שטים איז פאַרשטומט געוואָרן. אָט האָט זי זיך ווידער געלאָזט הערן; ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אַ רוף געטאָן: „מנחם, מנחם!“

עס האָט זיך באַוויזן אַ פּאַרשוין, נאַקעט ביזן גאַרטל, ווי די באָר־משרתים, וואָס מאַסאַזשירן די באָד־באַזוכער. זעהר אַ הויכער, אַן אַלטער און אַ מאָגערער, האָט ער געטראָגן אַרום די לענדן אַ גרויס מעסער אין אַ בראָנזענער שייד. צוליב זיינע האָר, וואָס זיינען געווען צונויפגענומען מיט אַ קאַם, האָט

זיין שטערן באַקומען אַ משונהדיגע ליינג. די אויגן זיינען בײַ אים געווען פאַרשלאָפן, אָבער די ציין האָבן בײַ אים געבליאַסקעט; מיט די שפּיץ־פינגער פון זיינע פיס האָט ער געטראָטן שטיל איבער די דילן; זיין קערפּער איז געווען בויגעוודיג, ווי דער פון אַ מאַלפּע, און זיין פּנים קאַלטבלוטיג, ווי דער פון אַ באַלזאַמירטן מת.

— וואו איז ער? האָט דער שר געפרעגט.

אָנווייזנדיג מיטן גראָבן פינגער אויף עפּעס אַ חפץ הינטער זיי, האָט מנחם געענטפערט:

— אָט דאָרטן, ווי תמיד!

— מיר דוכט זיך, אַז איך האָב אים געהערט.

אַנטיפּאַס האָט שטאַרק אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט זיך אָנגעהויבן נאָכצופרעגן אויף יוחנן, דעם איינענעם יוחנן, וועמען די רוימער פלעגן רופן יאָהאַן דעם טובלער. צי האָט מען נאָך אַמאָל געטראָפן יענע צוויי פאַרשוינען, וועלכע מען האָט אין דעם פאַרגאַנגענעם חודש געהאַט אַריינגעלאָזט אויס פריינטליכקייט אין זיין גרוב, און צי וייס מען, וואָס זיי האָבן בײַ אים געטאָן?

מנחם האָט געענטפערט:

— זיי האָבן מיט אים אויסגערערט אַ פּאָר סודות־פולע ווערטער, אָט אַזוי ווי גנבים אין אָוונט אויף די ראָגעס פון די גאַסן. דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דעם גליל העליון, אָנזאָגנדיג, אַז זיי וועלן זיך צוריקקערן מיט חשובע נייס.

אַנטיפּאַס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט דערנאָך אַ זאָג געטאָן אַ צעטראָגענער:

— היט אים! גיב אויף אים אַכטונג! און לאָז קיינעם

ניט אַריין! שליס גוט צו די טיר! פאַרדעק די גרוב! קיינער טאָר אַפילו ניט וויסן, אַז ער לעבט!

מנחם האָט ניט געראַרפּט וואַרטן אויף זיינע באַפעלן; ער האָט זיי אַזוי אויך דורכגעפירט; וואָרום יוחנן איז געווען אַ איד, און די אידן האָט ער פיינט געהאַט ווי אַלע שומרונים.

זינט דער מלוכה פון קיניג הורקנוס האָט זייער בית־המקדש אויף דעם הר גריזים אויפגעהערט צו עקסיסטירן; און משה אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז דער ראָזיגער בית־המקדש וועט ווערן דער מיטלפּונקט פונם פאָלק ישראל. דער בית־המקדש אין ירושלים האָט זיי אַריינגעבראַכט אין רציחה, ווי אַ פּאַטש אין פּנים און ווי אַ שטענדיגע עולה. איינמאָל האָט זיך מנחם אַהינצו אַריינגענבעט מיט ביינער פון אַ מת, כּדי מטמא צו זיין מיט זיי דעם מזבח; זיינע חברים, וועלכע זיינען ניט געווען אַזוי פלינק, ווי ער, האָט מען געכאַפּט און באַשטראָפט מיט טויט. דעם בית־המקדש האָט ער דערזעהן אין אַ פאַרטיפונג צווישן צוויי בערגלאַך. זיינע ווענט פון ווייסן מירמל־שטיין און די גילדענע פאַסן פון זיין דאַך האָבן געפינקלט אין די שטראַלן פון דער זון. אויסגעזעהן האָט ער איצט, ווי אַ ליכטיגער באַרג — דאָס איז געווען עפּעס אויסטערלישעס, איבער־מענשליכעס, וואָס האָט אַלץ צעדריקט מיט זיין פּראַכט און זיין גרלות. מנחם האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס אַנטקעגן דעם באַרג ציון, און אויפשטעלנדיג זיך אין דער הייך, אָפּקערנדיג דאָס פּנים און צונויפּ־קוועטשנדיג די פויסטן, האָט ער אים אַ שליידער געטאָן אַ קללה; ער האָט געגלויבט, אַז ווערטער פאַרמאָגן אַ ממשותדיגע קראַפט.

אַנטיפּאַס האָט עס געהערט, ניט ווערנדיג דערפון נתפּעל.

דער שומרוני האָט ווייטער גערעדט:

— ווען נישט ווען הויבּט ער זיך אָן צו באַוועגן, ער וואָלט וועלן אַנטלויפן, ער האָפּט אויף אַ באַפרייאונג. אַן אַנדער מאָל אָבער איז ער שטיל, ווי אַ קראַנקע חיה; און ווידער אַן אַנדער מאָל שפּאַצירט ער אַרום אין דער טונקלקייט און טענעט:

„וואָס איז די נפקא מינה? כּדי ער זאָל גרויס און נתעלה ווערן, מוז איך קליין ווערן!"

אַנטיפּאַס און מנחם האָבּן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. אָבער דער שר האָט זיך שוין געפוילט צו טראַכטן. אַלע די ראָזיגע בערג אַרום אים, אויס־זעהענדיג ווי גרויסע פאַרשטיינערטע כוואַליעס, די שוואַרצע גריבּער אויף די זייטן פון די פעלזן, דער בּלויער הימל אָהן אַ בּרעג, דער האַמעטנער בּליאַסק פון דער טאָג־ליכטיגקייט, די טיפקייט פון די אָפּגרונטן — דאָס אַלץ האָט צערודערט זיין נשמה; קוקנדיג אויף דעם מדבּר, וואָס זעהט אויס צוליבּ זיין צעריהעטער זאַמד־אויבּערפלאַך, ווי חרוב געוואָרענע פּאַלאַצן און ווי בּענק, שטייענדיג איינע איבּער די אַנדערע, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ יאוש. דער וואַרימער ווינט האָט געבּראַכט מיט זיך אַ ריח פון שוועבל — אַפּנים, אַז דאָס איז געווען דער אָטעם פון יענע פאַרשאָלטענע שטעט, וועלכע זיינען געלעגן באַגראָבּן אונטער די שווערע כוואַליעס. די ראָזיגע סמנים פון אַן אייבּיגן גרימצאָרן האָבּן צעמישט זיינע רעיונות. דעם קאָפּ צווישן די הענט און די אויגן אומבּאַוועגליך, איז ער

געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אָן דעם פּאַרענטש. עמיצער האָט אים באַרירט.

ער האָט זיך אומגעקוקט, פאַר אים איז געשטאַנען הערָאָדיאַרע.

זי איז געווען איינגעוויקלט ביז די שיך אין אַ לאַנג קלייד. היות ווי זי איז פּלוצים אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער, האָט זי נישט געטראָגן אויף זיך איר צירונג; זי האָט ניט געהאַט קיין פּערל אויפן האַלז און קיין אוירינגלאַך; אַ צאָפּ אין אירע שוואַרצע האָר איז איר אַריבערגעפאַלן איבערן אָרעם, אַריינגראָבנדיג זיך מיטן שפּיץ אינם גריבל צווישן אירע ביידע בריסטן. אירע נאָזלעכער, צו שטאַרק אַרויפגעצויגן אין דער הייך, האָבן געציטערט; איר געזיכט האָט געשיינט פון שמחה איבער אַ נצחון; זי האָט אַ טרייסל געטאָן דעם שר און האָט אַ זאָג געטאָן הויך אויפן קול:

— דער קיסר האָט אונז האָלט! אַגריפּאַ זיצט אין תּפיסה!

— ווער האָט עס דיר דערציילט?

— איך ווייס עס!

און זי האָט מוסיף געווען:

— ווייל ער האָט די מלוכה געוואונשן קאַיוסן!

לעבנדיג פון זייערע נדבות, האָט ער זיך געיאָגט נאָך דער קיניגליכער מאַכט, נאָך וועלכער זיי האָבן געגאַרט ניט ווייניגער פאַר אים. אָבער אויף להבא איז נישטאָ וואָס מוראָ צו האָבן! „טיבעריוסעס תּפיסות עפענען זיך שווער אויף, און אָפט מאָל איז מען ראָרט ניט זיכער מיטן לעבן!“

אַנטיפּאַס האָט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט; און הגם זי איז געווען אַגריפּאַס אַ שוועסטער, האָט ער באַ

זיך אין האַרצן געפֿונען אַ הכשר פֿאַר איר אכזריות־דיגער כּונה. די ראָזינגע רציחות זיינען געווען אַ נאָכטירליכער פּועל יוצא פֿון די פּאַסירונגען, אַ בּלינדער מוז אין די קיניגליכע הייזער. אין הורדוסעס הויז האָט מען זיי שוין מער נישט געציילט.

און דערנאָך האָט זי אָנגעהויבּן אויסצולייגן איר פּלאַן פֿאַר אַנטיפּאַסן: מען דאַרף אונטערקויפֿן מענשן, עפּעס בּריוו, דינגען שפּיאָנען בּאַ אַלע טירן און טויערן. זי האָט דערציילט, ווי עס האָט זיך איר איינגעגעבּן צו קריגן אויף איר צר דעם מסר אויטיכעס. „קיין זאַך איז מיר נישט געווען צו שווער! האָבּ איך דען נישט צוליבּ דיר נאָך מער געטאָן?... איך האָבּ פֿאַרלאָזן מיין טאָכטער!“

נאָך איר גט האָט זי געלאָזן איר קינד אין רוים, האָפֿנדיג צו האָבּן אַנדערע קינדער פֿונם שר. קיינמאָל האָט זי דערפֿון נישט גערעדט. ער האָט זיך גע־חרושט, פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס בּאַ איר די פּלוצים־דיגע ליבּשאַפֿט. מען האָט איבּערגעצויגן דעם געצעלט פֿון טוך און תּיכף געבּראַכט קישנס. העראָדיאַדע האָט זיך אויף זיי אַראָפּגעלאָזן און האָט אָנגעהויבּן צו וויינען, אָפּקערנדיג דעם רוקן. דערנאָך האָט זי אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבּער די וויעס און געזאָגט, אַז זי וויל שוין ווענן דעם ניט טראַכטן און אַז זי פֿילט זיך גליקליך; און זי האָט צוריקגערופֿן אין זיין זכּרון זייערע שמועסן אָט דאָרטן, אינם הויף פֿונם פּאַלאַץ, זייערע בּאַגעגענישן אין די שוויצבּעדער, זייערע שפּאַצירגיינג אין דער לייננג פֿון דעם הייליגן וועג און יענע אָוונטן אויף די גרויסע דאַטשעס בּאַם געמורמל פֿון די פֿאָנטאַנען, אונטער האַלבּקיילעכדיג אויסגעבּויגענע

באַלקנס, באַהאַנגען מיט בלומען, פאַר דער רוימישער קאַמפּאַניע.

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, ווי אין די אַמאָליגע יאָרן, רייבנדיג זיך אָן זיין ברוסט און לאַשטשענדיג זיך צו אים. ער האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך. די ליבשאַפט, וואָס זי האָט זיך געפלייסט אויפצוּוועקן, איז איצט געווען אַזוי ווייט! און אַלע זיינע צרות האָבן זיך דערפון גענומען, וואָרום אָט האָבן מיר שוין אַ קימא לן פון באַלד צוועלף יאָר און די מלחמה געדויערט נאָך אַלץ און נעמט נישט קיין סוף. פון איר איז ער אַלט געוואָרן. זיינע פּלייצעס האָבן זיך געבויגן אונטער אַ טונקעלן מאַנטל מיט אַ פיאָלעט־פּאַרביגן זוים; זיינע ווייסע האָר האָבן זיך צונויפגעמישט מיט זיין באָרד, און די זון, וועלכע איז דורכגעדרונגען דורכן געצעלט, האָט באַלויכטן זיין מרה־שחורהדיגן שטערן. הערקאָ־ריאַדעס שטערן האָט אויך געהאַט קנייטשן. זיצנדיג אַזוי איינער קעגן דעם אַנדערן, האָבן זיי זיך ביידע ווילד אָנגעקוקט.

אויף די וועגן אין די בערג האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן מענשן. פּאַסטוכער האָבן אונטערגעטריבן אָקסן, קינדער האָבן געצויגן אייזלען נאָך זיך, שטאַל־משרתים האָבן געפירט פערד. די, וואָס זיינען געגאַנגען באַרג אַראָפּ פון הינטער מאַקערוס, זיינען געלם גע־וואָרן הינטער דעם שלאָס; די אַנדערע האָבן אַרויפ־געקלעטערט אויף דעם וועג צווישן די בערג, און אַז זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָט אַריין, האָבן זיי אַראָפּ־געלעגט זייערע פּעקלאַך און משאות אין די הויפן. דאָס זיינען געווען דעם שרס פּאָרריאַרטשיקעס און משרתים פון זיינע געסט.

אָבער אויף דעם הינטערשטן טייל דאַך, פון דער לינקער זייט, האָט זיך באַוויזן אַן איסיער, אַ באָרוויסער, אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ סטאָישער מינע. מנחם האָט זיך אים אַ וואָרף געטאָן אַנטקעגן פון דער רעכטער זייט, אויפהויבנדיג דאָס מעסער.

העראָדיאַדע האָט אַ געשריי געטאָן:

— דערהרגע אים!

— בלייב שטיין! — האָט אַ זאָג געטאָן דער שר. ער איז געבליבן שטיין, און דער אַנדערער אויך.

דערנאָך זיינען זיי אָפּגעטראָטן איינער פון דעם אַנדערן, איטליכער דורך אַ באַזונדערן אַרויסגאַנג, נישט אָפּקערנדיג דעם רוקן און נישט אַראָפּנעמענדיג די אויגן איינער פונם צווייטן.

— איך קען אים, האָט געזאָגט העראָדיאַדע, ער הייסט פנואל און וויל זיך זעהן מיט יוחנן, וואָרום דו ווילסט דאָך נישט אַנדערש אים דערהאַלטן באַם לעבן!

אַנטיפּאַס האָט געענטפערט, אַז ער קאָן נאָך אַמאָל צונוץ קומען, זיינע אָנפאַלן אויף ירושלים וועלן גורם זיין דערצו, אַז אַלע איבעריגע אידן וועלן איבערגיין צו זיי.

— ניין! — האָט זי געענטפערט, אַלע האַרן און בעלי־בתים זיינען אין זייערע אויגן גלייך, און זיי זיינען גאָר נישט מסוגל צו באַשאַפן פאַר זיך אַן אייגענע היים! בנוגע צו יענעם פאַרשוין, וועלכער בונטעוועט דאָס פאָלק דורך אַלע יענע צוואָגן, וואָס האָבן זיך דערהאַלטן ביז אַהער פון נחמיהס צייטן אָן, טאָ וואָלט די בעסטע פּאָליטיק געוועזן אים אָפּצורוימען פון וועג.

דער שר האָט דערויף געזאָגט:

— עס איז בכלל נישטאָ וואָס זיך צו איילן. אויך מיר אַ געפערליכער מענש, יוחנן! ווייס איך וואָס!

און ער האָט זיך כּלומרשט צעלאַכט פון דער גאַנצער מעשה.

— שווייג, — האָט זי אַ געשריי געטאָן, אָנהויבנדיג צו דערציילן די בזיונות, וואָס מען האָט איר איינמאָל אָנגעטאָן, בעת זי איז געפאָרן קיין גלעד, כּדי צו זיין בּאַם אַראָפּנעמען די תבואה פון די בשׂמים־פעלדער, — אויפן בּרעג טייך זיינען געשטאַנען מענשן און האָבן זיך אויסגעטאָן. אויף אַ בערגל, נישט ווייט פונם בּרעג, איז געשטאַנען עפּעס אַ פאַרשוין מיט אַ קאָפּ פון אַ לייבּ און מיט אַ קעמל־פעל אַרום די לענדן און האָט געדרשענט. ווי נאָר ער האָט מיך באַמערקט, האָט ער אָנגעהויבּן אויסצושפּייען אויף מיר אַלע קללות פון די נביאים. זיינע אויגן האָבן געפלאַמט, זיין שטים האָט געהילכט, ווי פון אַ לייבּ; ער האָט געהויבן זיינע אָרעמס אין דער הייך, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָפּרייסן דעם דונער פון הימל און אַ שליידער טון אויף מיר. עס איז געווען אוממעגליך צו אַנטלויפן! די רעדער פון מיין וואָגן זיינען בּיז די אַקסן איינגעזונקען געווען אין זאַמד; פּאַוואָליע בּין איך אָפּגעפאָרן, באַהאַלטנדיג זיך אונטער מיין מאַנטל און דורכגענומען פון אַ קאַלטן שוידער, מחמת די זידלערייען, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף מיין קאָפּ, ווי אַ שטורעם־רעגן.

יוחנן האָט איר מאוס געמאַכט דאָס לעבן. בּעת מען האָט אים געכאַפּט און געבּונדן מיט שטריק, האָבן די סאָלדאַטן געהאַט אַ באַפעל אים צו דער־שטעכן, אויב ער וועט זיך נישט לאָזן; אָבער ער האָט זיך געלאָזן. אין זיין תּפיסה האָט מען אַריינגעלאָזט שלאַנגען, אָבער זיי זיינען אַלע געפּגרט.

די אַלע ראָזינע שפּיצלאַך האָבּן נישט געהאָלפּן, און דאָס האָט העראָדיאַדען אַריינגעבּראַכט אין אַ יאוש. און גלאַט אַזוי — וואָס ווִיל ער האָבּן פון איר, וואָס האָט ער זיך אָנגעזועצט אויף איר? זי וואָלט געווען אַ בּעלן צו ווִיסן, וואָס פאַר אַ פּניה ער האָט דערבּיי? זיינע דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דעם עולם, זיינען אומעטום פאַרשפּרייט געוואָרן: זי האָט זיי אומעטום געהערט, זיי האָבּן ממש אָנגעפילט די לופט. פאַר מחנות סאָלדאַטן וואָלט זי ניט מורא געהאַט, אָבּער דער ראָזינער כּח, וועלכן מען קאָן נישט אָנטאַפּן און איז מסוכּנריגער, ווי מעסערס און שפּיזן, קאָן איטליכן מאַכן אָפּהענטיג. און זי האָט אָנגעהויבּן אַרומצולויפן איבּערן ראַך, אַ בּלייכע פון כּעס, און נישט געפינענדיג קיין ווערטער פאַר דעם, וואָס האָט אין איר געקאָכט און וואָס האָט זי געוואָרגן. אַמאָל איז איר אויך אַרויפ־געקומען אויפן זינען, אַז דער שר קאָן זי אַמאָל פאַר־שטויסן, נאָכגעבּנדיג דער קהלשער מיינונג. דעמאָלט איז אַ סוף צו אַלץ! פון אירע קינדערשע יאָרן אָן האָט זי רק געחלומט וועגן אַ גרויסער מלוכה. כּדי דאָס צו דערגרייכן, איז זי אַוועקגעגאַנגען פון איר ערשטן מאַן און האָט זיך פאַראייניגט מיט אָט דעם ראָזינן, וועלכער האָט זי אָפּגענאַרט לויט איר מיינונג.

— אַ שיין גליק האָבּ איך דאָס געכאַפּט, בּעת איך האָבּ זיך מתחתּן געווען מיט דיין משפּחה!

— זי איז נישט ערגער פאַר דיינע, האָט דער שר געלאַסן געענטפערט.

הערָאָדיאַדע האָט געפילט, ווי אין אירע אָדערן האָט אָנגעהויבּן צו קאָכן דאָס בּלוט פון אירע זיידעס און עלטערזיידעס, דאָס בּלוט פון כּהנים און קיניגן.

— אָבער דיין זיידע פלעגט דאָך אויסקערן מיט אַ בעזים דעם בית־המקדש פון אשקלון! און די אַנדערע פון דיין משפחה זיינען געווען פּאַסטוכער, גזלנים אויף די ברייטע שליאַכן, פּירערס פון קאַראַוואַנען, אַ כאַ־ליאַסטרע, וואָס האָט געמוזט צאָלן צינז דער מלוכה פון יהודה, זינט דוד המלכס צייטן אָן! דיין גאַנצע משפחה האָט פון תּמיד אָן געהאַט מפּלות אין אירע קאַמפן מיט מיין משפחה! דער ערשטער מכבי האָט אייך אַרויסגעטריבן פון חברון, און הורקנוס האָט אייך גע־גויט זיך מל צו זיין!

און אויסהויכנדיק דעם גאַנצן בטול פון דער מיוחסת צו דעם המון־מענטשן, די שנאה פון יעקבן צו עשו׳ן, האָט זי אים אויפגעוואָרפן זיין קאַלטבלוטיגקייט צו באַליי־דיגונגען, זיין שוואַכקייט צו די פּרושים, וועלכע זיינען בוגד אָן אים, זיין פּחדנות בנוגע צום פאָלק, וואָס האָט זי פיינט.

— דו ביסט ניט בעסער פאַר אים, האָט זי ווייטער געזאָגט, זיי זיך מודה! דו גאַרסט נאָך דער אַראַבישער מיידל, וואָס טאַנצט צווישן די שטיינער, נעם זי פאַר אַ ווייב! ניי, לעב מיט איר אין איר לייוונטענעם געצעלט! עס איר ברויט, געבאַקן אונטערן הייסן אַש! זופּ די וויער־מילך פון אירע שעפסן! קוש אירע בלויע באַקן און פאַרגעס מיך!

דער שר האָט נישט געהערט, וואָס זי רעדט. ער האָט בשעת מעשה באַטראַכט דער דאַך פון אַ הויז, וואו עס זיינען איצט געשטאַנען אַ יונג מיידל און אַ אַלטע פרוי, האַלטנדיג אַ זונענשירם מיט אַ רין הענטל, לאַנג ווי די אורקע פון אַ פישער. אין מיטן איז געשטאַנען אָפן אַ גרויסער קאָרב, פון וואַנען עס זיינען אַרויסגעהאַנגען

אָהן אַ שום סדר נאַרטלען, שלייערס, סטעננעס און בענדלאַך פון פאַרשיידענע צירונג־חפצים. ווען ניט ווען פלעגט זיך ראָס יונגע מיידל אַ בויג טון צו די ראָזיגע חפצים און אַ טרייסל טון איינעם פון זיי אין דער לופט. אָנ־געטאָן איז זי געווען, ווי אַלע רוימערקעס, אין אַ קורצן גע־קרייזלטן מאַנטל, אין אַ לאַנג קלייד מיט סמאַראַג־דענע פראַנזן; בלויע בענדער האָבן צונויפגעהאַלטן אירע האָר, וועלכע זיינען בוראי געווען געריכט און שווער, וואָרום זי פלעגט זיי אַלע ווײלע אַ טאַפּ טון מיט דער האַנט. איבער איר קאָפּ האָט זיך אַרומגעטראָגן דער שאָטן פונם שירם, באַרעקנדיג זי ביז דער העלפט פון איר קערפּער. אַנטיפּאַס האָט אַ פּאָר מאָל באַמערקט איר איידלען האַלז, אַ ווינקל פון אַן אויג און רעם פון רעם קליינעם מויל. אָבער בעת זי פלעגט זיך איינ־בויגן, כּדי ווידער זיך אַ שטעל צו טון אין דער הייך מיט אַ בוינגעוודיגער באַוועגונג, האָט ער געקאָנט זעהן איר גאַנצע פיגור פון די לענדן ביז צום געניק. ער האָט געלאָקערט דערויף, אַז די ראָזיגע באַוועגונג זאָל זיך איבערחזרן; ער האָט אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען, און פייערלאַך האָבן זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויגן. הערדיאַדע האָט אים באַטראַכט. ער האָט זי געפרעגט:

— ווער איז ראָס?

זי האָט געענטפערט, אַז זי ווייס נישט, און איז אַוועקגעגאַנגען פלוצים באַרוהיגט.

אויפן שר האָבן אונטן געוואַרט פאַרשיידענע מענשן. דאָ זיינען געווען תּושבים פונם גליל, דער הויפּטשרייבער, דער הויפּטפאַסטוך, דער פאַרוואַלטער פון די זאַלצ־גריבער און אַ איד פון בבל, דער מנהיג פון זיינע

רייטער־חיילות. דערנאָך איז ער אָפּגעטראָטן אין דער ריכטונג פון זיינע אינעווייניגסטע חדרים.

אין אַ ווינקל פון אַ קאָרידאָר האָט זיך פּלוצים באַוויזן פּנואל.

— אַ, דו ביסט שוין ווידער דאָ? דו קומסט דאָך בוראי פון יוחננס וועגן?

— און פון דיינעטוועגן אויך! איך האָב דיר מודיע צו זיין אַ וויכטיגן ענין.

און נאָכגייענדיג דעם שר טריט בײַ טריט, איז ער אַריינגעדרונגען מיט אים אין אַ טונקעלן חדר.

דאָס ליכט איז דאָרט געפאַלן דורך אַ גראַטע, זיך אויסלייגנדיג אין דער לייַנג אונטערן געזימס. די פאַרב פון די ווענט אינם חדר זיינען געווען ענליך צו דער פון אַ גראַנאַט־שטיין; דאָס איז געווען כמעט אַ שוואַרצע פאַרב. אין דעם הינטערשטן טייל פון דעם צימער איז געשטאַנען אַ בעט פון עבן־האָלץ מיט רימענס פון אָקסנפעל. אַ גאָלדענער שילד איז געהאַנגען איבערן בעט אין דער הייך, פינקלענדיג ווי אַ זון.

אַנטיפּאַס האָט דורכגעשפּרייזט דעם גאַנצן צימער און האָט זיך צום סוף אַוועקגעלעגט אויפן בעט.

פּנואל איז געשטאַנען. אויפהויבנדיג דעם אָרעם אין דער הייך, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ מינע פון התלהבות:

— דער אויבערשטער שיקט ווען נישט ווען איינעם פון זיינע קינדער צו די מענשן. איינער פון זיי איז יוחנן. אויב דו וועסט אים רודפן, וועסטו באַשטראָפט ווערן.

— נישט איך רודף אים, נאָר ער רודפט מיך! האָט אַנטיפּאַס אויסגערופן. — ער האָט געוואָלט פון מיר אַן

אוממעגליכע זאַך. פון רעמאָלט אָן מוטשעט ער מיך. תחלת בין איך כלל נישט געווען שלעכט צו אים! ער האָט אַפילו פון מאַקערוס געשיקט מענשן, כדי אויפצובוני־טעווען מיינע מרינות. גייט ער אין דר׳ערד אַריין! ווי באַלד אַז ער פאַלט אויף מיר אָן, מוז איך זיך פאַר־טיידיגן!

— אַז ער קומט אַריין אין כעס, ווערט ער משוגע־ריג ווילד, האָט פנואל געענטפערט, אָבער איינס צום אַנדערן איז ניט שייך! מען מוז אים אַרויסלאָזן פון תפיסה.

— מען לאָזט נישט אַרויס קיין ווילדע חיות! — האָט אַנטיפאַס געענטפערט.

דער אסייר האָט געענטפערט:

— האָב קיין דאגה נישט! ער וועט גיין צו די אַראַבער, גאַליער, סקיפן. זיין שליחות מוז זיך פאַרשפרייטן ביז עק וועלט!

אַנטיפאַס האָט זיך פאַרטראַכט; ער איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען פאַרזונקען אין עפּעס אַ חלום.

— אַן אייזערנעם כח האָט ער! נישט ווילנדיג האָב איך אים האָלט!

— הייסט עס, דו וועסט אים אַרויסלאָזן?

אַנטיפאַס האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט מורא געהאַט פאַר העראָדיאַדען, פאַר מנחמען און פאַר דעם פרעמדן פאַרשוין.

פנואל האָט זיך געפלייסט אים איינצורייד ן און האָט אים צוגעזאָגט אַלס אַן ערבות פאַר זיינע פלענער, אַז די אסיים וועלן זיך אונטערגעבן די קיניגן. פאַר די ראָזיגע אביונים, וועלכע זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין לייוונט און האָבן אַרויסגעלייענט פון די שטערן די

קומענדירנגע פּאַסירונגען און נישט מורא געהאַט פאַר קיין שום שטראָף און קיין שום עינויים, האָט מען געהאַט גרויס דרך ארץ.

אַנטיפּאַס האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן פּנואלס אַ וואָרט, וואָס ער האָט אים אָקאָרשט ערשט געזאָגט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ וויכטיגער ענין, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט דערציילן?

דאָ איז אָנגעקומען אין מיטן דערין אַ נעגער, אין גאַנצן אַ ווייסער, מחמת דעם שטויב, וואָס האָט באַ־דעקט זיין גוף. ער איז געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ער האָט קוים געקאָנט אויסרייידן דאָס איינציגע וואָרט „וויטעליוס!“

— ווי? ער איז שוין דאָ?

— איך האָב אים געזעהן. עס וועט נישט געדויערן קיין דריי שעה, און ער וועט שוין דאָ זיין!

די פאָרהאַנגען אין די קאָרידאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן, אַזוי ווי דער ווינט וואָלט זיי געטרייסלט. דער גאַנצער פּאַלאַץ האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ רעש און אַ ליאַרם — אַ געפילדער פון מענשן, וואָס זיינען אַרומגעלאָפן אַהין און אַהער; פון מעבל, וואָס מען האָט געדוקט און געשלעפּט; פון זילבערן געפעס, וואָס איז געפאַלן אויף דער ערד. פון די טורעמס אין דער הייך האָט זיך געלאָזט הערן דער קלאַנג פון אַ טרומייט, וואָס האָט צונויפגערופן די שקלאַפן פון אַרום און אַרום.

## II

די דעכער אַרום און אַרום זיינען באַזייט געווען מיט מענשן, בעת וויטעליוס איז אַריינגעפאָרן אין הויף אַריין,

אָנגעשפּאַרט אויף דעם אָרעם פון זיין פּאַרטייטשער, אַרומגערינגעלט מיט זיינע משרתים, די אַזוי אָנגערופענע ליקטאָרן, אָנגעטאָן אין דעם בּרייטן און לאַנגען רוימישן מאַנטל — דער טאָגע, אין דער אַזוי אָנגערופענער רוימישער טוניקע, וואָס איז געווען אַרומגעזוימט מיט אַ פּיאָלעט־פאַרבּיגן פּאַס און מיט די האַלבּ־שטיוועלאַך פון אַ קאָנסול אויף די פיס. נאָך אים האָט מען גע־טראָגן אַ לאַנג און רויט בּעטל, בּאַפּוצט מיט שפּיגלען און קאַסקעס מיט גרויסע פעדערן אויפן שפּיץ. די ליקטאָרן האָבּן אַוועקגעשטעלט בּאַ דער טיר די צוועלף בּינטלאַך מיט ריטער; דאָס זיינען געווען דינע שטעק־לאַך, צונויפגעבּונדן מיט אַ בּרייטן רימען, און מיט אַ האַק אין דער מיט. אין יענע צייטן האָט מען געציטערט פאַר דער גרויסקייט און דער מאַכט פון דעם רוימישן פאָלק.

דאָס בּעטל, וואָס אַכט מענשן האָבּן געטראָגן, האָט זיך אָפּגעשטעלט, און פון דעם איז אַראָפּגעקראָכן אַ יונגער פּאַרשוין, מיט אַ גראָבּן בּויך, מיט אַ געזיכט אין פּרישצעס און מיט פּערל אויף די פינגער. מען האָט אים דערלאַנגט אַ בּעכער, אָנגעפילט מיט וויין און מיט בּשמים. ער האָט עס אויסגעטרונקען און פאַר־לאַנגט אַ צווייטן.

דער שר איז געפאַלן פאַר דעם אויבּערקאָנסול אויף די קני. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז זיך זעהר מצער וועגן דעם, וואָס ער האָט פריהער ניט געוואוסט, אַז דער קאָנסול וועט קומען; וואָרום ווען ער וואָלט עס געוואוסט, וואָלט ער געהייסן צוגרייטן אויף די וועגן אַלץ, וואָס עס קומט אַזוינע העלדן, ווי די וויטעליוס; די דאָזיגע וויטעליוס קומען דאָך אַרויס פון דער געטין וויטעליאַ;

עס איז פאַראַן אַ װעג, װאָס פירט פון איינעם פון די זיבן רוימישע בערגלאַך ביז צום ים, און דער ראָזינגער װעג טראָגט נאָך עד היום זייער נאָמען; די פאַמיליע װיטעליוס האָט פון תּמיד אָן פאַרנומען די העכסטע מלוכה־שטעלעס, די שטעלעס פון קאָנסולן און פינאַנץ־פאַרװאַלטערס; און בנוגע צו לוציוסן, זיין איצטיגן אורח, מוז מען אים לויבן אַלס דעם בעל־נצחון איבער די קליטער און אַלס דעם פאָטער פונם יונגען אולוס, װעלכער איז, משמעות, צוריקגעקומען צו זיין מקור, װאָרום דער מזרח איז דאָך פון תּמיד אָן געװען דאָס לאַנד פון די געטער. די אַלע ראָזינגע גװמאות זיינען אַרויסגעזאָגט געװאָרן אין לאַטייניש, און װיטעליוס האָט זיי קאַלטבלוטיג אויסגעהערט.

ער האָט געענטפערט, אַז אַ פאָלק װאָס פאַרמאָגט דעם גרויסן הוררוסן, קאָן שוין בטוח זיין אין זיין גרויסן באַטייט; די אַטענער האָבן אים איבערגעגעבן די הנהגה פון די אָלימפּישע שפּילן; ער האָט געבויט הייליגע הייזער לכבוד דעם קיסר אויגוסטוס; ער איז געװען בטבע אַ סבלן, דערצו קלוג, שטאַרק, מאַכטפול און געטריי די רוימישע קיסרים.

צװישן די זיילן מיט מעטאַלענע קוילן פון אויבן האָט זיך באַװיזן העראָדיאַדע מיט דער מינע פון אַ קיסרטע און אַרומגערינגעלט פון אירע פרויען און סריסים, װאָס האָבן געהאַלטן אין די הענט ראָזע־פאַרביגע טאַצן מיט אָנגעצונדענע בשמים.

דער אויבערקאָנסול איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען דריי טריט און האָט זי מקבל פּנים געװען.

— װי גוט דאָס איז, האָט זי אויסגערופן, אַז פון

היינט אָן וועט שוין טיבעריוסעס שונא אַגריפּאַ נישט קאָנען טון קיין בייז!

דער קאָנסול האָט פון דער גאַנצער מעשה ניט געוואוסט; דאָס איז לויט זיין מיינונג געווען אַ מסוכּנ־דיגע זאַך; און אַז אַנטיפּאַס האָט געשוואָרן, אַז ער וועט אַלץ טון צוליב דעם קיסר, האָט וויטעליוס מוסיף געווען:

— אַפילו אויף דעם חשבון פון אַנדערע?

די מעשה איז דערפון געווען, וואָס דער קאָנסול האָט גענומען מענשן און לענדער אַלס משכּנות פון דעם פּאַרטישן קיניג, און דעם קיסר האָט עס בריעבר נישט געאַרט; אַנטיפּאַס, וועלכער איז אויך געווען אויף דער באַראַטונג, כּדי צו באַקומען מער חשיבות, האָט תּיכּף פאַרשפּרייט די ידיעה דערפון. פון דאַנעט האָט זיך אָנגעהויבן די טיפע שנאה צווישן זיי ביידן, און דערפאַר איז אויך די צוגעזאָגטע הילף נישט געקומען צו דער ריכטיגער צייט.

אַנטיפּאַס איז אַביסל מבולבל געוואָרן און האָט אָנגעהויבן צו בעבען. אָבער אולוס האָט זיך צעלאַכט און האָט אים געזאָגט:

— האָב נישט קיין צער, איך וועל פאַר דיר זיין אַ מליץ־יושר!

דער אויבערקאָנסול האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיג. צוליב דעם זונס חטאים, איז דער פאָטער נתעלה געוואָרן; און די ראָזיגע בלום, אויסגעוואַקסן אין די בלאָטעס פון קאַפּרי, האָט אים געבראַכט אַזוי פיל נוצן, אַז ער האָט זי אָפּגעהיט און געשאַנעוועט, הגם ער האָט פאַר איר מוראָ געהאַט מחמת איר ניפטינקייט.

נעבּן טויער האָט עס אָנגעהויבּן צו רודערן; מען האָט אַריינגעפירט אַ גאַנצע שערענגע מיט ווייסע מוילאייזלען, אויף וועלכע עס זיינען געזעסן רייטנדיג פאַרשוינען, אָנגעטאָן אין מלבושים פון כּהנים. דאָס זיינען געווען פּרושים און צדוקים, וואָס זיינען געטריבּן געוואָרן פון ריזעלבּינגע כּונות; די צדוקים האָבּן געוואָלט, אַז דאָס רעכט מקריב צו זיין קרבּנות זאָל אַריבּערגיין צו זיי, און די פּרושים האָבּן געוואָלט, אַז דאָס דאָזיגע רעכט זאָל בּלייבּן בּאַ זיי ווי געווען. זייערע געזיכטער זיינען געווען בּייז און אומעטיג, בּאַזונדער די פון די פּרושים, וועלכע האָבּן פיינט נעהאַט תּכלית שנאה דעם שר און די רוימישע מלוכה. צוליבּ די לאַנגע פאָלעס פון זייערע טוניקעס האָבּן זיי זיך ניט נעקאָנט פריי בּאַוועגן צווישן דעם אַרומינגן נעדיכטן עולם; אויף זייערע שטערנס האָבּן זיך געשאָקלט זייערע שפּיציגע היטעלאַך איבּער פאַרמעטענע פעקלאַך, וועלכע זיינען געווען בּאַשריבּן מיט אותיות*).

כּמעט אין דער איינענער צייט זיינען אָנגעקומען סאָלדאַטן פון דער פאָדערשטער וואַך, וועלכע האָבּן געהאַלטן זייערע שילדן איינגעוויקלט אין זעקלאַך, כּדי עס זאָל אויף זיי ניט פאַלן קיין שטויבּ, און הינטער זיי דער שני לקאָנסול, מאַרצעלוס מיט מוכסים, וועלכע האָבּן געטראָגן אונטער דער פאַכווע הילצערנע בּרעטלאַך.

אַנטיפאַס האָט אָנגעהויבּן אויסצורעכענען די הויפּט־פאַרשוינען פון זיין בּאַלייטונג: אָט איז תּלמי, קאַנטעראַ,

---

*) דער מחבּר מיינט דערמיט תּפילין; מחמת טעות גוי מיינט ער, אַז אידן טראָגן תּמיד תּפילין.

זהן, אַממאָניוס פון אַלעקסאַנדריא, וועלכער פלענט פּאַר אים איינקויפן אַספּאַלט, נחמן, דער מנהיג פון זיין אינפאַנטעריע און יותם הבבלי.

וויטעליוס האָט אָנגעוויזן אויף מנחמען:

— ווער איז דאָס?

דער שר האָט אים אַ וואונק געטאָן, אַז דאָס איז דער תּלין. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן פאָרצושטעלן די צדוקים. יונתן, אַ קליינער פּאַרשוין, וואָס האָט גע־קענט גריכיש און איז געווען בטבע אַ מעורב עם הבריות האָט געבעטן דעם אויבערהאַר, ער זאָל זיי אָנטון דעם כבוד און באַזוכן ירושלים. יאָ, ער וועט מן הסתּם דאָרט זיין. אליעזר מיט אַ קרומער נאָז און אַ לאַנגער באָרד האָט אין דעם נאָמען פון די פּרושים געפאָדערט, מען זאָל אַרויסגעבן דעם כּהן גדולס מאַנטל, וואָס די רוימישע פּאָליציע האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין דעם אַנטאָניאַ־טורעם.

דערנאָך האָבן די תּושבים פונם גליל אָנגעהויבן צו פאַרמסרן פּאָנטיוס פּילאַטן. צוליב עפּעס אַ משוגענעם, וועלכער האָט דור המלכּס גילדענע כּלים געהאַט געזוכט אין אַ הייל נעבן שומרון, האָט ער דערהרגעט תּושבים פון דער מדינה. אַלע האָבן גערעדט אויף אַמאָל, און מנחם העכער פון אַלע אַנדערע. וויטעליוס האָט צו־געזאָגט, אַז די שולדיגע וועלן באַשטראָפט ווערן.

אַנטקעגן אַ זיילן־קאָרידאָר, וואו סאָלדאַטן האָבן אויפ־געהאַנגען זייערע שילדן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל און אַ געשריי. היות ווי מען האָט געהאַט אַראָפּ־גענומען די זעקלאַך פון די שילדן, האָט מען אויף זיי דערזעהן דעם קיסרס געזיכט. דאָס איז פאַר די אידן געווען אַן עבודה זרה. אַנטיפּאַס האָט אָנגעהויבן צו

האַלטן פאַר דעם עולם אַ דרשה; וויטעליוס אָבער, וועלכער איז געזעסן צווישן די ווילן אויף אַ הויך אָרט, האָט זיך געחרושט, וואָס זיי קאָכן זיך אַזוי. טיבעריוס איז דאָך גערעכט געווען, וואָס ער האָט פיר הונדערט פון זיי פאַרשיקט אין סאַרדיניע. אָבער באַ זיך אין דערהיים זיינען זיי געווען תקיף, און ער האָט געהייסן מען זאָל אַראָפּנעמען די שילדן.

זיי האָבן דאַן אַרומגערינגעלט דעם אויבערקאָנסול, בעטנדיג אים, ער זאָל זיי געבן הנחות און נדבות און ער זאָל זיי באַפרידיגן פאַר די עולות, וואָס מען האָט זיי געהאַט געטאָן. מען האָט זיך געשלאָגן און צעריסן די בגדים; שקלאַפן האָבן מיט שטעקנס געשלאָגן אויף לינקס און אויף רעכטס, כדי צו מאַכן אַ פרייען פלאַץ. די, וואָס זיינען געשטאַנען נעהענטער פאַר אַלע באַם טויער, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער סטעזשקע; אַנדערע ווידער האָבן זיך אַרויפגעהויבן אין דער הייך; עס האָבן זיך אָנגעהויבן איבערצושניידן צוויי שטראָמונגען אין דער ראָזיגער מאַסע, וועלכע האָט זיך באַוועגט אַהין און אַהער און איז געווען צונויפגעקוועטשט צווישן די פעסטונגס-מויערן.

וויטעליוס האָט געפרעגט, צוליב וואָס דאַרף מען דאָ האָבן אַזוי פיל מענשן. אַנטיפּאַס האָט אים דערקלערט די סבה: ער פראַוועט איצט דעם יום-טוב פון זיין געבורטסטאָג. דערביי האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ פּאָר פון זיינע מענשן, וועלכע האָבן, שטייענדיג אין דער הייך איינגעבויגן איבער די שפּיץ-טורעמס, אַרויפגעצויגן אויף שטריק מוראָדיג גרויסע קערב מיט כלערליי פליישן, פרוכטן, געמייזעכטס, יונגע הירשן, זשוראַוולעס, ברייטע בלויליכע פישן, ווייַנטרויבן, פּאַשטעטן און גאַנצע הויפנס

פון מילגרוימען אין דער פאָרם פון פּיראַמידן. אולוס האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די קיכן, אין גאַנצן אַן אָנגעצונדרענער באַם גערוק פון דער דאָזיגער סעודה, וואָס האָט געזאָלט אַריינבריינגען די וועלט אין התפעלות. פאַר־בייגייענדיג פאַר אַ קעלער, האָט ער באַמערקט טעפּ, וועלכע זיינען געווען ענליך צו פאַנצערס. וויטעליוס איז אויך געקומען כאַפּן „אַ קוק, און ער האָט געפאָדערט, מען זאָל עפענען די קעלער־שטובן פון דער פעסטונג. זיי האָבן זיך אַריינגעשניטן אין דער פעסטונג אין דער פאָרם פון הויכע געוועלבן מיט סלופּעס. די ערשטע קעלערשטוב האָט אין זיך געהאַט אַלע כלי־זין; די צווייטע איז אָנגעפילט געווען מיט פּיקעס, וועלכע האָבן אויס־געשטרעקט אַלע זייערע שפּיצן פון בינטלאַך פעדערן אַפּער; די דריטע שטוב האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי זי וואָלט אויסגעקלעפּט געווען מיט נעצן, אַזוי פיל רינגע פיילעכלאַך זיינען דאָרט אָנגעשטעקט געווען איינע נעבן די אַנדערע; די ווענט פון דער פערטער שטוב זיינען געווען באַדעקט מיט די שטאָלן פון קרומע שווערדן; אין דער מיט פון דער פינפטער זיינען אויסגעלעגט געווען גאַנצע שורות מיט קאַסקעס, וועלכע האָבן אויס־געזעהן מיט זייערע שפּיצן, ווי אַ באַטאַליאָן פון רויטע שלאַנגען; אין דער זעקסטער האָט מען געזעהן רק טעשלאַך פאַר פיילן און נאָך ווייטער אין אַן אַנדערער שטוב האָט מען געזעהן רק קני־שילדן... אין די ווייטערדיגע חדרים האָבן זיך געפונען היי־גאָפּלען, האַקנס, לייטערס, שטריק, אַפילו פלעקער פאַר די וואַרף־מאַשינעס, אַפילו גלעקעלאַך פאַר קעמלען! און היות ווי דער באַרג איז צופוסנס אַלץ ברייטער געוואָרן,

אָנגעמענרינג אינעווייניג די פאָרם פון אַ בינשטאָק, האָבן זיך אונטער די ראָזיגע חדרים געפונען נאָך אַ סך מער און טיפערע.

וויטעליוס איז דורכגעלאָפן דורך זיי באַם שיין פון שטורקאַטשן, באַלייט פון דעם פאַרטייטשער פּינע, און דעם אויבער־מוכם סיזעננאַ. אין דער טונקלקייט האָט מען נאָך געקאָנט זעהן עפּעס משונהדיגע און מאוסע חפצים, אויסגעטראַכט פון באַרבאַרן: דאָ זיינען געווען שטעקנס, אָנגעזועצט מיט צוועקעס, קינזשאַלן, באַשמירט מיט סם, אָפּצווייננעס, ענליך צו די שורות־ציין פון אַ קראָקאָדיל. הקצור, דער שר האָט דאָ פאַרמאָגט כלי זין און סתם חפצים פאַר מלחמה־הצטרכותן, וואָס האָבן געקאָנט קלעקן פאַר אַן אַרמיי פון פערציג טויזנט מענשן. ער האָט זיי דאָ אַלע אָנגעזאַמלט, מוראָ האָבנדיג, אַז זיינע שונאים וועלן זיך ווען עס איז קעגן אים פאַראייניגן. אָבער היות ווי דער אויבערקאָנסול האָט אים געקאָנט חושד זיין, אַז ער גרייט צו אַ מלחמה קעגן די רוימער, האָט ער זיך געסטאַרעט צו דער־קלערן, וואָס דאָ איז.

די כלי זין, הייסט עס, זיינען, אין תוך גערעדט, גאָר ניט געווען זיינע: מיט אַ גרויסן טייל פון זיי פלעגט מען זיך באַנוצן קעגן די אָנפאַלן פון גזלנים און באַנדיטן; אַגב, מוז מען האָבן וואָפן קעגן די אַראַבער; אָדער דאָס אַלץ איז געווען דעם פאָטערס. און אָנשטאָט צו גיין הינטער דעם אויבערקאָנסול, איז ער כמעט ווי געלאָפן פאַר אים, און צום סוף האָט ער זיך אַנידער־געשטעלט אין דער לייננג פון אַ וואַנט, וואָס ער האָט פאַרשטעלט מיט זיין טאָגע. אָבער אַזוי ווי דער אויי־בערשטער טייל פון אַ טיר האָט אַריבערגעסטאַרטשעט

איבער זיין קאָפּ, האָט עס וויטעליוס באַמערקט און געוואָלט וויסן, וואָס עס שטעקט הינטער איר. נאָר דער בּבלי אַליין האָט געקאָנט עפענען די ראָזינגע טיר.

— רוף אָקאָרשט דעם בּבלי!

מען האָט אים גערופן.

זיין פאָטער איז אַמאָל געווען געקומען פון ארם נהרים (מעסאָפּאָטאַמיע) צום גרויסן הורדוס מיט פינף הונדערט רייטער, כּדי צו בּאַשיצן די מזרח־גרעניצן. דערנאָך, אַז די מלוכה איז צעטיילט געוואָרן, איז ער געבּליבן בּאַ פיליפּן און איצט האָט ער גערינט אַנטיפּאַסן. געקומען איז ער מיט אַ בּייטש אין דער האַנט און מיט אַ בּוינן פון אַ יעגער איבער די פּלייצעס. זיינע קרומע פיס זיינען געווען איינג צונויפגעבּונדן מיט שנורן אין פאַרשיידענע קאָלירן. פון אַ טוניקע אָהן אַרבּל האָבּן אַרויסגעסטאַרטשעט גרויסע אָרעמס; אונטער אַ פּור־טערנעם היטל האָט געשטעקט אַ געזיכט מיט אַ בּאָרד, גערדרייט און געפלאָכטן אין רינגען. תּחלת האָט עס געהאַט אַ פּנים, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען דעם פאַרטייטשער. אָבּער וויטעליוס האָט אַ וואָרף געטאָן אַ קוק אויף אַנטיפּאַסן, און דער ראָזיגער האָט תּיכּף איבּערגעחזרט דעם בּאַפעל. יותם האָט דאַן מיט בּיידע הענט אַ שטופּ געטאָן די טיר, און זי האָט זיך אַריינגערוקט אין דער וואַנט.

פון דער טונקלקייט האָט אַ בּלאָז געטאָן אַ וואַרימע לופט. אַ וועג האָט געפירט בּאַרג אַראָפּ, זיך פאַר־קערעווענדיג אָן אַ זייט. זיי האָבּן זיך געלאָזט גיין מיט דעם ראָזיגן וועג און זיינען אָנגעקומען צו דער שוועל פון אַ הייל, וואָס איז געווען בּרייטער פון די אַלע אַנדערע קעלער־שטובּן.

אין אַ פּאַרטיפונג האָט זיך געעפנט אַ געוועלבּ איבּער אַן אָפּגרונט, וועלכער האָט פון יענער זייט באַשיצט די פעסטונג. צום געוועלבּ האָט זיך געטוליעט אַ בּלעטל מיט אַראָפּגעלאָזטע בּלומען אין דער פולער ליכטיגקייט. בּאַ דער סאַמער ערד האָט געמורמעלט אַ שטיל טייכל.

עס האָבּן זיך דאָרט געפונען אַן ערך פון הונדערט פערד, וועלכע האָבּן געגעסן קאָרן פון אַ בּרעט, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין איין הייך מיט זייערע מאָרדעס. זייערע גריוועס זיינען געווען געפאַרבּט אין אַ בּלויען קאָליר, אויף די פּאָדקאָוועס האָבּן זיי געטראָגן געוועבּטע זעקעלאַך און די האָר האָבּן אַרויסגע־סטאַרטשעט צווישן זייערע אויערן ווי אַ פּאַרוק. מיט זייערע לאַנגע עקן האָבּן זיי זיך שטיל געפּאָכעט איבּער זייערע לענדן. דאָס זיינען געווען אויסטערלישע בּאַשע־פענישן, בּויגעוודיג, ווי די שלאַנגען, און פלינק, ווי די פויגלען. לויפן פלעגן זיי צוגלייך מיט דער פייל פונם רייטער; זיי פלעגן אַנידערוואַרפן מענשן און אַריינבּייסן זיך אין בּויך מיט די ציין, זיי פלעגן אַריבּערשפּרינגען אָפּגרונטן, פלעגן געפינען מיטלען, ווי אַזוי אַרויסצוגיין בּשלום פון צווישן פעלזן, און אויפן גלאַטן פעלד זיינען זיי בּכּח געווען צו לויפן אין אַ ווילדן גאַלאָפּ כּמעט דעם גאַנצן טאָג אָהן אַן אויפהער. ווי נאָר יותם איז אַריינגעקומען, האָבּן זיי זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צו אים, ווי די שעפּסן צום פּאַסטוך, אויסשטרעקנדיג די העלזער און בּאַטראַכטנדיג אים מיט אומרוהיגע און קינדערשע אויגן. אויס רגילות האָט ער אַרויסגעשטויסן פון זיין האַלז אַ הייזעריגן געשריי; דערהערנדיג דעם ראָזיגן געשריי, זיינען זיי געוואָרן פריילעך און האָבּן

אָנגעהויבן צו בריקן מיט די הינטערשטע פיס, חלשנדיג נאָך דער פרייער לופט און נאָך דעם ברייטן שטח.

אַנטיפּאַס האָט זיי מיט אַ כּיוון געהאַלטן איינגעשפּאַרט אין דעם ראָזינגן אָרט, וואָס איז לכתּחילה צוגעגרייט געווען פאַר פערד און בהמות בשעת אַ באַלאַגערונג, מחמת ער האָט מורא געהאַט, וויטעליוס זאָל זיי בײַ אים ניט אַוועקנעמען.

— דער שטאַל טויג ניט, האָט דער אויבערקאָנסול געזאָגט, זיי וועלן נאָך אַלע בײַ דיר אַוועקשטאַרבן. סיזעננאַ, פאַרשרייב!

דער מוכס האָט אַרויסגעצויגן אַ טאָוועלע פון זיין גאַרטל, האָט איבערגעציילט די פערד און זיי פאַרשריבן.

די מוכסים האָבן פאַרפירט די גובערנאַטאָרן, זיי זאָלן אויסראַבעווען די מדינות. וויטעליוסעס מוכס האָט מיט זיין פוקסערנער מאָרדע און מיט זיינע וויעס, וואָס ער פלעגט אַלע ווײַלע אַראָפּלאָזן, אומעטום אַלץ אויס- און אַרומגעשמעקט.

צום סוף האָט מען זיך ווידער אויפגעהויבן אין דער הייך צום הויף צו.

אונטער דעם ברוק פון הויף האָבן זיך געפונען היילן, וועלכע זיינען באַרעקט געווען מיט בראָנזענע בלעכלאַך. ער האָט באַמערקט איינע פון זיי, וואָס איז געווען גרעסער פאַר אַלע אַנדערע און וואָס האָט נישט אָפּגעהילכט, בעת מען האָט אויף איר אַרויפגעטראָטן מיטן פוס. ער האָט איטליך בלעכל אויסגעפּרובט כּסדר איינס נאָך דעם אַנדערן, און האָט צום סוף אַ געשריי געטאָן, טופּנדיג מיטן פוס:

— איך האָב עס! איך האָב עס! דאָ איז ה׳רדוסעס אוצר!

זזכן אַזעלכע מיני אוצרות איז געװען אַ משוגעת פון די רוימער. דער שר האָט געשװאָרן, אַז אַזױנע אוצרות זײַנען ניט בנמצא.

— הײַנט װאָס־זשע איז דאָ דאָ?

— גאָר נישט! אַ מענש, אַ געפאַנגענער.

— װײַז מיר אים אָקאָרשט!

דער שר האָט נישט געפאָלגט, װײַל ער האָט מורא געהאַט, אַז די אידן זאָלן זיך ניט דערװיסן פון זײַן סוד. דאָס, װאָס ער האָט נישט געװאָלט אױפעפענען דאָס רעקל, האָט װיטעליוסן אַרײַנגעבראַכט אין כעס.

— עפנט עס אױף! מיט געװאַלט, האָט ער אַ געשרײ געטאָן צו די ליקטאָרן. מנחם האָט משער געװען, װאָס זײ גרײטן זיך דאָ צו טון. דערזעהענדיג אַ האַק, האָט ער געמיינט, אַז דאָ װיל מען יוחנן אַראָפּנעמען דעם קאָפּ; און װי נאָר דער ליקטאָר האָט געגעבן דעם ערשטן זעץ, האָט ער אים אַ כאַפּ געטאָן בײַ דער האַנט און נישט געלאָזן; ער האָט צװישן דעם רעקל און די שטײנער פונם ברוק אַרײַנגעשטעקט אַ מין האַקן, האָט אױסגעשטרעקט און שטײף געמאַכט זײַנע בײדע לאַנגע און מאָגערע אָרעמס און האָט דאָס רעקל פּאַװאָליע אױפגעהױבן; דאָס רעקל איז אײַנגעפאַלן. אַלע האָבן געקראָגן התפּעלות, דערזעהענדיג די גבורה פון דעם אַלטן מאַן. אונטערן רעקל, װאָס איז פון אונטן געװען באַשלאָגן מיט האָלץ, האָט זיך געצײגן אַ קלאַפּ־טיר. אַ זעץ מיטן קולאַק — און די קלאַפּ־טיר האָט זיך צעטײלט אױף צװײ האַלבע טירלאַך: מען האָט דאַן דערזעהן אַ לאָך, אַ גרױסע גרוב, װאו עס האָט זיך געדרײט אַ טרעפּ אָהן פּאָרענטשעס. אַז מען האָט זיך אַ בױג געטאָן איבער דעם קאַנט, האָט מען געקאָנט

זעהן עפּעס צעשוואומענעס, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה.

אַ מענשליך בּאַשעפּעניש איז געלעגן אויף דער ערד, איינגעוויקלט אין לאַנגע האָר, וועלכע האָבּן זיך צונויפ־געמישט מיט די האָר פונם פעלכל, וואָס האָט בּאַדעקט זיין רוקן. ער איז אויפגעשטאַנען און האָט בּאַרירט מיט זיין שטערן אַ צוגעמאַכטע גראַטע, וואָס איז געלעגן איבּער זיין קאָפּ. ווען נישט ווען פלעגט ער געלם ווערן אין דער טיפעניש פון זיין הייל.

אינם שיין פון דער זון האָבּן געבּלישטשעט די שפּיצן פון די הויכע שפּיציגע היטלאַך און די הענטלאַך פון די שווערדן; די זון האָט אומבּרחמנותדיג אָנגעגליהט די שטיינער פון די רילן אַזוי, אַז עס איז געווען ממש נישט צו דערטראָגן; טויבּן זיינען אַראָפּגעפלויגן פון די רעכער־קאַנטן און געזוימסן, דרייענדיג זיך אינם הויף איבּער די קעפּ; דאָס איז געווען די שעה, ווען מנחם פלעגט זיי וואַרפן קאָרן־קערנדלאַך. ער איז איצט געזעסן צונויפגעקאָרטשעט נעבּן דעם שר, וועלכער איז געשטאַנען אויף די פיס פאַר וויטעליוסן. פון הינטן זיינען געשטאַנען אין אַן עיגול די תּושבים פון גליל, די כּהנים און די סאָלדאַטן. אַלע האָבּן געשוויגן, וואַרטנדיג מיט שרעק, וואָס דאָ וועט בּאַלד פּאַסירן.

תּחלת האָט זיך געלאָזט הערן אַ טיפער זיפץ, אַרויס־געשטויסן פון אַ פאַרשטיקטער שטים.

העראָדיאַדע האָט זיך אין יענער רגע געפונען אין דעם אַנדערן עק פּאַלאַץ. דערהערנדיג פון דאָרטן דעם ראָזיגן זיפץ, איז זי פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ מין כּשוף, האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך דעם גאַנצן עולם און

האָט זיך אָנגעהויבן צוצוהערן, איינבויגנדיג דעם קערפּער און האַלטנדיג די האַנט אויף מנחמס פּלייצע.

אַ שטים האָט זיך געלאָזט הערן זעהר שטאַרק:

— אַז אָך און וויי איז צו אייך, איר צדוקים און פּרושים, איר משפּחה פון שלאַנגען, איר אָנגעבלאָזענע באַלאָנען, איר קלינגענדיגע צימבלען!

מען האָט דערקענט יוחננס קול. זיין נאָמען האָט זיך גיך פאַרשפּרייט אַרום דעם עולם. עס זיינען צוגעלאָפן נאָך אַנדערע מענשן.

— אַז אָך און וויי איז צו דיר, דו פאָלק! אַז אָך און וויי איז צו די בוגדים פון יהודה, צו די שכורים פון אפרים, צו אַלע, וועלכע באַוואוינען די פעטע טאָלן און שאָקלען זיך מחמת שכרות! צעשפּרייט זאָלן זיי ווערן אַזוי, ווי וואַסער, וואָס גיסט זיך פונאַנדער, ווי אַ וואָרעם, וואָס צעשמעלצט קריכנדיג, ווי אַ מפּיל־קינד, וואָס דערזעהט ניט די ליכטיגקייט פון דער זון. דו, מואָב, וועסט מוזן אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן צווישן די ציפּרעסן־קוסטעס, ווי די פויגלען, און אין די היילן, ווי די מייז. די טויערן פון די פעסטונגען וועלן צעבראָכן ווערן מיט ווייניגער מיה, איידער די שאָלעכץ פון אַ נוס, די ווענט וועלן איינפאַלן, די שטעט וועלן ברענען; און גאָטס שווערע האַנט וועט נאָך אַלץ בלייבן אויסגעשטרעקט און נישט אויפהערן צו שטראָפן. גאָט וועט אייערע גלידער צונויפדרייען אין אייער בלוט אָט אַזוי, ווי אַ פאַרבער דרייט צונויף זיין וואָל אין אַ קעסל; ער וועט אייך צערייסן אויף פּיצלאַך, ווי אַ נייע באָראָנע מיט אירע שאַרפע ציין, און וועט צעזייען אויף אַלע בערג די שטיקער פון אייער פלייש!

ווער איז דאָס געווען יענער גבור, יענער בעל־נצחון, פון וועמען יוחנן האָט געדערט? נאָר די רוימער אַליין זיינען ביכולת געווען אָנצומאַכן אַזאַ מין חורבן. פון צווישן דעם עולם האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, וואָס האָבן געבעטן: „געגוג שוין! געגוג שוין! זאָל שוין זיין אַ סוף!“

אָבער די שטים פון דער הייל האָט ווייטער געדרשענט און נאָך העכער ווי פריהער:

— קליינע קינדער וועלן זיך וואַלגערן אויף דער ערד נעבן די קערפּערס פון זייערע מאַמעס. באַנאַכט וועט מען גיין זוכן אַ שטיקל ברויט דורך חורבות אַרורך און אונטער דער סכנה געטראָפן צו ווערן פונם שווערד. אויף די פרייע פּלעצער פון דער שטאָט אין יענעם רשות הרבים, וואו אַלטע לייט פלעגן אַמאָל זיצן און שמועסן, וועלן זיך וועלף רייסן מיטאַנאַנדער וועגן מענשליכע ביינער. ריינע טעכטער וועלן שפּילן אויף גיטאַרעס אויף די שמחות פון פרעמדע, שטיקנדיג זיך מיט טרערן, און ריינע סאַמע העלדישסטע זין וועלן בויגן זייער אויסגעמוטשעטן רוקן אונטער די שווערע משאות!

באַ די ראָזינגע ווערטער האָט דאָס פאָלק דערזעהן זיינע גלות־טעג און אַלע איבערקערענישן און אומגליקן פון זיין געשיכטע. דאָס זיינען געווען די ווערטער פון די אַמאָליגע נביאים. יוחנן האָט זיי אַרויסגעזאָגט איינע נאָך די אַנדערע, און איטליכס וואָרט איז געווען ווי אַ פּאַטש אין פּנים אַריין.

אָבער מיט אַמאָל איז די שטים געוואָרן ווייך, זינגענדיג און מעלאָדיש. ער האָט אָנגעזאָגט די צייט פון דער אויסלייזונג, יענע צייט, ווען דער הימל וועט באַגאָסן ווערן מיט אַן אויסטערלישער ליכטיגקייט, ווען דאָס ניי־געבאָרענע קינד וועט האַלטן די האַנט איבער דער

הייל פון אַ שלאַנג און אַ פּיפּערנאָטער, ווען ליים וועט מגולגל ווערן אין גאָלר און ווען דער מזבח וועט אויפ־בליהען ווי אַ רויז. „דאָס וואָס קאָסט איצט זעכציג כּכּרס, וועט דאַן אַפילו קיין איינצינע פּרוטה ניט קאָסטן. פון די פעלזן וועלן שלאָגן פאָנטאַנען מיט מילך; אין די ווײַן־קעלטערס וועט מען אַנטשלאָפן ווערן מיט אַ פולן בויך! ווען וועסט דו שוין קומען, דו, אויף וועמען איך וואַרט? נאָך איידער דו וועסט קומען, וועלן אַלע פעלקער פאַלן אויף די קני, און דײַן ממשלה וועט געדויערן אייביג, דו דוד המלכס זון!“

בײַ די דאָזיגע ווערטער האָט זיך דער שר צוריק אַ וואָרף געטאָן, וואָרום דער נאָמען פון דוד המלכס אַ זון האָט אים באַליידיגט ווי אַ סטראַשונעק.

יוחנן האָט אים איצט אָנגעהויבן צו זידלען פאַר זײַן מלוכה — „עס איז נישטאָ קיין אַנדער מלך, אַ חוץ דעם אויבערשטן!“ — און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן זידלערייען פאַר זײַנע בּילדער, אויסגעהאַקט אין שטיין, פאַר זײַנע כּלים פון עלפנבּיין, פאַר זײַנע גערטנער, וואָרום ער איז ניט בעסער פאַר דעם פושע אַחאָב!

אַנטיפּאַס האָט אָפּגעבראָכן דאָס קייטל פון זײַן חותם, וואָס איז געהאַנגען אויף זײַן בּרוסט, און האָט עס אַרײַנגעוואָרפן אין גרוב אַרײַן. ער האָט אים געהייסן שווייגן.

די שטים האָט געענטפערט:

— איך וועל שרייען, ווי אַ בער, ווי אַ ווילדער אייזל, ווי אַ פרוי, וואָס גייט צו קינד! דײַן שטראָף ליגט שוין אין דײַן זינדיג לעבן מיט דײַן ווײַב. גאָט באַשטראָפט דיך מיט אַ אומפרוכטפּערקייט פון אַ מוילאייזל!

בײַ די ראָזינע װערטער האָבן זיך פֿון אַלע זײַטן געלאָזט הערן געלעכטערס. זײער קלאַנג איז געװען ענליך צו דעם קלאַנג פֿון כװאַליעס, װעלכע שלאָגן זיך אָן אָן דעם ברעג.

װיטעליוס האָט נישט אַנדערש געװאָלט װי בלײַבן און הערן װײַטער. דער פּאַרטײַטשער האָט קאַלטבלוטיק איבערגעחזרט אויף דער שפּראַך פֿון די רױמער אַלע זידלערײַען, װעלכע יוחנן האָט אַרױסגעשריען אין זײַן אײגענער שפּראַך. דער שר און הערדאָריאַדע האָבן זײ געמוזט אויסהאַלטן צװײ מאָל. אַנטיפּאַס האָט קױם אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, און הערדאָריאַדע האָט אַלץ געקוקט אינם אָפּגרונט מיט אַן אָפֿענעם מױל.

דער שרעקליכער פּאַרשױן האָט פֿאַרװאָרפֿן דעם קאָפּ, און אָנכאַפּנדיק זיך פֿאַר די אײַזנס פֿון דער גראַטע, האָט ער צװישן זײ אַרײַנגעשטעקט זײַן געזיכט, װאָס האָט אויסגעזעהן װי אַ געריכטער קוסט, צװישן װעלכן עס האָבן געפֿינקלט צװײ פֿלאַם־פֿײַערדיגע קױלן:

— אַ, דו ביסט עס, איזבל! דו האָסט אים פֿאַרכשופֿט מיט דעם סקריפּ פֿון דײַנע שיך. דו האָסט געהירזשעט, װי אַ קליאַטשע, דו האָסט אויפֿגעשטעלט דײַן געלעגער אויף די בערג, כּדי דאָרט צו ברײַנגען דײַנע קרבנות! גאָט װעט אַראָפּרײַסן דײַנע אוירינגלאַך, דײַנע פּורפּורנע קלײדער, דײַנע לײַװנטענע שלײערס, די רינגען פֿון דײַנע הענט און דײַנע פֿיס, די גילדענע בלעכלאַך, װאָס באָמ־בלען זיך איבער דײַן שטערן, ער װעט צונעמען בײַ דיר דײַנע זילבערנע שפּיגלען, דײַנע פֿאָכערס מיט די שטרױס־פֿעדערן, די פּערלמוטערנע פּאָרעשװעס, װעלכע מאַכן העכער דײַן װאוקס, די פּראַכט פֿון דײַנע רימענטן, די פּאַרפֿומע פֿון דײַן האָר, די פֿאַרבן פֿון דײַנע נעגל, אַלע

המצאהלאַך פון ריין שיינקייט און איידלקייט; עס וועלן ניט קלעקן קיין שטיינער, כּדי דיך צו פאַרשטיינערן פאַר די זינד פון דיין זנות!

העראָדיאַדע האָט זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן, זוכנדיג בּאַ עמיצן אַ הילף. די פּרושים האָבּן צבועותדיג אַראָפּגעלאָזט די אויגן. די צדוקים האָבּן אָפּגעדרייט די פּנימער, ווייל זיי האָבּן מוראָ געהאַט, טאָמער וועט זיך דער אויבּערקאָנסול פילן בּאַליידיגט. אַנטיפּאַס איז געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז מען האָט געמיינט, אַז אָט, אָט שטאַרבּט ער אַוועק.

די שטים איז דערווייל וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געוואָרן; זי האָט זיך צעשפּילט און צעוואַקסן און האָט זיך אָנגעהויבּן צו קייקלען אין דער לופטן, ווי אַ געהילך פון אַ דונער, און פאַרשטאַרקט דורך דעם ווידער־קול פון די בּערג, האָט זי בּאָמבּאַרדירט די פעסטונג מיט אירע פיל־נאָרנדיגע קלאַנגען.

— שטרעק זיך אויס אין דעם שטויבּ, דו טאָכטער פון בּבל! וואַרף אַוועק דיין פּורפּורע, שפּיליע אָפּ דיין גאַרטל, טו אויס דיינע שיך, פאַרקאַטשע דיינע קליידער און שפּרייז אַריבּער איבּערן טייך! דיין שאַנד וועט אַנט־פּלעקט ווערן, דיין בּזיון וועט געזעהן ווערן! דו וועסט זיך שטיקן פון געוויין! נאָט איז מאוס געוואָרן דער בּרוד פון דיינע זינד! פאַרשאָלטענע, פאַרשאָלטענע! פּגר אַוועק ווי אַ הונט!

די קלאַפּ־טיר האָט זיך צוגעמאַכט, דאָס רעקל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. מנחם האָט געוואָלט דערהרגענען יוחנן. העראָדיאַדע איז נעלם געוואָרן. די פּרושים האָבּן זיך געפילט בּאַליידיגט. אַנטיפּאַס האָט זיך געפּרובּט פאַר־ענטפערן.

— בלי ספק, האָט אליעזר אַ זאָג געטאָן, רעם ברודערס שוועסטער מוז מען נעמען פאַר אַ ווייב, אָבער הערראָדיאַדע איז ניט געווען קיין אלמנה, און אַ חוץ דעם, האָט זי געהאַט אַ קינד, און אין דעם איז באַשטאַנען איר חטא.

— אַ טעות, אַ טעות! — האָט יונתן דער צדוקי געענטפערט, דער דין פּסעלט אַזוינע זיווגים, אָבער אַ בפירושער לאַו איז דערויף נישטאָ.

— אַזוי צי אַזוי! מען איז צו מיר אומגערעכט, האָט אַנטיפּאַס געענטפערט, וואָרום סוף כּל סוף האָט דאָך אַבשלום געשלאָפן מיט זיין פאָטערס ווייבער, יהודה מיט זיין שנור, אמנון מיט זיין שוועסטער און לוט מיט זיינע טעכטער.

אולוס, וועלכער איז אָקאָרשט אויפגעשטאַנען פונם שלאָף, האָט זיך באַוויזן אין דער ראָזיגער רגע. דערווסנדיג זיך פון דער גאַנצער מעשה, האָט ער זיך געשטעלט אויף דעם שרס צד. אויף אַזוינע קאַטאָוועסלאַך דאַרף מען נישט קוקן; און ער האָט געלאַכט פון יוחננס כעס און פון דער אומצופרידנקייט מצד די כהנים. הערראָדיאַדע, וועלכע איז גראָד געשטאַנען אויף די גרויסע הויז־טרעפּ, האָט צו אים אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ.

— אַ טעות אין חשבון, מיין האַר! האָט זי אים געזאָגט, עס איז ניט קיין געלעכטער, ער הייסט דעם פאָלק נישט צאָלן קיין צינזן.

— צי איז עס אַן אמת? — האָט תיכף דער מוכס אַ פרעג געטאָן.

אַלע האָבן געענטפערט אין איין קול, אַז עס איז אַן

אמת, און דער שר האָט פון זיין צר זיי אַלעמען אונטערגעהאַלטן.

לויט ווימעליוסעס מיינונג האָט דער געפאַנגענער געקאָנט אַנטלויפן, און היות ווי אַנטיפּאַסעס גייענג בנוגע דעם געפאַנגענעם זיינען אים חשוד געווען, האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ שמירה פון סאָלדאַטן באַ די טירן, באַ די ווענט און אויפן הויף. דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין זיינע חדרים, באַלייט פון די דעלעגאַציעס פון די כהנים. איטליכע דעלע־גאַציע האָט אַרויסגעזאָגט אירע טענות, ניט אָנ־רירנדיק די פראַגע פון דעם רעכט אויף ברייגנען קרבנות. אַלע זיינען זיי צו אים צוגעשטאַנען; ער האָט זיי אַוועקגעשיקט אַהיים און אָפּגעפּטרט.

בעת יונתן האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָט ער דערזעהן אַנטיפּאַסן אויף אַ קליינעם טורעם, שמועסנדיג מיט אַ פּאַרשוין אין אַ ווייס קלייד און מיט לאַנגע האָר; דאָס איז געווען אַן איסי. ער האָט בשעת מעשה חרטה געהאַט דערויף, וואָס ער האָט אַנטיפּאַסן אונטערגעהאַלטן. דער שר האָט פאַר זיך געפונען אַ טרייסט אין דעם געדאַנק, אַז פון איצט אָן געפינט זיך שוין יוחנן מער ניט אין זיין רשות און אַז די רוימער האָבן איבערגענומען די אחריות וועגן דעם געפאַנ־גענעם. וואָס פאַר אַ שווערע משא איז אַראָפּגעפאַלן פון זיינע פּלייצעס! פּנואל איז אין דער ראָזיגער רגע גראָד אַרומגעגאַנגען אויף דעם וועג, וואָס פירט אַרום און אַרום. ער האָט אים אַ רוף געטאָן, און אָנ־ווייזנדיג אויף די סאָלדאַטן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— זיי זיינען שטאַרקער פאַר אונז! איך קאָן אים ניט באַפרייען! איך בין אין דעם ניט שולדיג!

דער הויף איז געווען פוסט. די שקלאַפן האָבן געשלאָפן. אויף דער רויטקייט פונם הימל, וואָס האָט באַצווינגן דעם האָריזאָנט מיט אַ פלאַם־פייערדיגן פאַס, האָבן זיך די קלענסטע שטייענדינגע חפצים אָפּגעצייכנט אין שוואַרץ. אַנטיפּאַס האָט דערקענט די זאַלץ־גריבער פונם ים המלך; די געצעלטן פון די אַראַבער האָט מען שוין ניט געזעהן. זיי זיינען מן הסתם אַוועק־געגאַנגען? עס האָט זיך באַוויזן די לבנה; ער איז באַרוהיגט געוואָרן.

פנואל איז געבליבן זיצן אַ דערשלאָגענער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. סוף כל סוף האָט ער אַנטפּלעקט דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו דערציילן. פון אָנהויב חודש האָט ער אויסגעפאָרשט דעם פאַרטאָגיגן הימל, בעת די גרופּע פּערסיי האָט זיך נאָך געפונען אויף דעם העכסטן פינטל. אַגאַלאַ האָט מען קוים געזעהן, אַלגאָל האָט שוואַך שימערירט, מיראַ־צעטי איז אינ־גאַנצן נעלם געוואָרן, און פון דעם אַלעם האָט ער נעררונגען, אַז נאָך היינטיגע נאַכט וועט אין מאַקערוס שטאַרבן אַ חשובער מענש.

„ווער קאָן דאָס זיין?״, האָט דער שר געטראַכט באַ זיך אין האַרצן, „וויטעליוס געפינט זיך אונטער אַ נוטער שמירה; יוחנן וועט מען ניט הרגענען; עס בלייבט אויף אַזאַ אופן קיין אַנדערער ניט ווי איך״.

אפשר וועלן נאָך די אַראַבער צוריקקומען? אָדער דער אויבערקאָנסול איז געוואָר געוואָרן וועגן זיינע באַציהונגען צו די פאַרטער! די כהנים ווערן אַ חוץ דעם באַלייט פון די בריונים, וועלכע טראָגן מעסערס אונטער זייערע מלבושים; און דער שר האָט געגלויבט פעסט אין פנואלס שטערנזעהעריי. עס איז אים אַרויפ־

געקומען אויפן זינען צו גיין פרעגן אַן עצה בײַ העראָדיאַדען, הגם ער האָט זי פײַנט געהאַט; אָבער זי װעט אים צונעבן מוט, און אַ חוץ דעם, האָט ער זיך עד היום געפונען אונטער דער השפּעה פון איר אַמאָליגער שײנקײט.

אַז ער איז אַרײַן אין איר חדר, האָט זיך אויף אַ טישל פון פּאָרפירשטײן געװיכערט קנמון. אומעטום זײַנען געװען אָנגעװאָרפן פאַרשײדענע פּודרעס, מאַזן, שטיקלאַך מאַטעריע, לופטיג װי די װאָלקנס, און שטי־קערײַען גרינגער פאַר פעדערן.

פון פנואלס נביאות האָט ער איר ניט דערצײלט קײן אײנציג װאָרט, ער האָט איר אויך גאָר נישט געזאָגט מכּח זײַן מורא פאַר די אידן און די אַראַבער; זי װאָלט אים אויפגעװאָרפן, אַז ער איז אַ פּחדן; ער האָט גערעדט נאָר מכּח די רוימער. װיטעליוס האָט אים גאָר נישט געזאָגט מכּח זײַנע מיליטערישע פּלענער. ער האָט אים בּוראי חושד געװען אין פרײַנטשאַפט צו קאַיוסן, בײַ װעמען אַגריפּאַ .איז געװען אַן אָפטער אַרײַנגײער; מען װעט אים בּוראי פאַרשיקן, אָדער אַ קשיה אויף אַ מעשׂה, אפשר אויך דערהרגענען.

הערָאָדיאַדע האָט זיך געסטאַרעט אים צו בּאַרוהיגן אין אַ פרײַנטליכן טאָן, װעלכער האָט געשמעקט מיט בּטול. זי האָט אַרויסגענומען פון אַ קלײן קעסטל עפּעס אַ מאָרנעם מעדאַליאָן, בּאַפּוצט מיט טיבע־ריוסעס בּילד. עס איז גענוג צו װײַזן דעם ראָזינן מעדאַליאָן — און די ליקטאָרן װעלן בּלײַך װערן פאַר שרעק, און אַלע חשדים װעלן ממילא בּטל װערן.

אַנטיפּאַס האָט געפרעגט, פון װאַנען זי האָט עס.

ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ געפיל פון דאַנק־באַרקייט בנוגע צו איר.

— מען האָט עס מיר געגעבן, האָט זי געענטפערט.

פון אונטער דעם פאָרהאַנג אַנטקעגן זיי האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אָרעם, אַ יונגער און שיינער אָרעם, אַזוי ווי פאָליקלעט אַליין וואָלט אים אויסגעטאָקט אין עלפנביין. אַביסל אומגעלומפּערט, אָבער דאָך פול מיט חן, האָט ער אַרומגעפּאָכעט אין דער לופטן, סטאַרגדינג זיך אָנצוכאַפּן אַ טוניקע, וואָס מען האָט פאַרגעסן אויף אַ בענקל. אַן אַלטע פרוי האָט פאַר־נאַנדערגענומען דעם פאָרהאַנג און האָט זי דערלאַנגט שטילערהייט.

דער שר האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, אָבער ער האָט נישט געוואוסט גאַנץ קלאָר אָן וואָס.

— דאָס איז דיין שקלאַפין?

— וואָס קער זיך דאָס מיט דיר אָן? — האָט הע־ראָדיאַדע געענטפערט.

## III

דער זאַל, וואו עס האָט נעזאָלט פאָרקומען די שמחה, איז פול געוואָרן מיט געסט. ער האָט געהאַט אין זיך דריי אָפּטיילונגען, ווי אַ גרויסער קלויסטער; די דאָזיגע אָפּטיילונגען זיינען אָפּגעזונדערט געווען איינע פון די אַנדערע דורך סלופּעס פון אַלגומים־האָלץ מיט בראָנזענע קנוילן פון אויבן, וועלכע זיינען באַפּוצט געווען מיט פלערליי שניצערייען. די סלופּעס האָבן געטראָגן אויף זיך צוויי גאַלערייעס מיט עפענונגען צום

דרויסן צו; אין דער טיפעניש פונם זאַל האָט אַ דריטע גאַלעריי פון גילדענעם דראָט אַרויסגעשטעלט אירע בייגיגע ווענטלאַך אַנטקעגן אַ גרויסן געוועלב, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום אַנדערן עק פונם זאַל. אין דער גאַנצער לייגג פון דער אינעווייניגסטער פאַרטיפונג זיינען אָנגעשטעלט געווען שורות־וויז ברייטע און לאַנגע טישן; אויף די טישן זיינען געשטאַנען גרויסע לייכטער מיט בינטלאַך ליכט, וועלכע האָבן געפלאַקערט ווי פייערדיגע קוסטעס; צווישן די לייכטער זיינען געווען אָנגעשטעלט ליימענע בעכערס אין פאַרשיידענע פאַרבן, כּלים מיט זיסע מאַכלים, געמאַכט פון אייער־ווייסלאַך, און גאַנצע הויפנס ווייגטרויבן. ווייל די סטעליע איז געווען זעהר הויך, זיינען די רויטליכע פלאַמען פון די ליכט וואָס ווייטער, אַלץ דינער און שיטערער געוואָרן, און ליכטיגע פלעקן האָבן שימערירט צווישן צווייגן אַזוי ווי באַ־נאַכטיגע שטערן. דורכן לאָך פון דער גרויסער עפענונג האָט מען געקאָנט זעהן שטורקאַטשן אויך אויף די דעכער פון די אַרומיגע הייזער; וואָרום אַנטיפּאַס האָט היינט געמאַכט אַ יום־טוב פאַר זיינע פריינט, זיין פאָלק און סתם פאַר איטליכן, ווער ס'איז נאָר געקומען. אינם זאַל האָבן זיך אַרומגעדרייט שקלאָפן, פלינק ווי די הינט, מיט פילצענע שיך אויף די פיס; זיי האָבן אַרומגעטראָגן שיסלען מיט מאַכלים.

דער אויבערקאָנסול האָט פאַרנומען אַ באַזונדערן טיש אונטער אַ באַגילדעטער בימה, געמאַכט פון פייגנ־בוים־האָלץ. דער טיש איז אַרום און אַרום געווען באַהאַנגען מיט טעפּיכן, אַזוי אַז ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ געצעלט. וויטעליוס, זיין זון און אַנטיפּאַס זיינען געווען אָנגעלענט אָן דריי בעטלאַך פון עלפנביין; דער

אויבערקאָנסול איז געזעסן נעבן דער טיר פון דער־לינקער זייט, אולוס איז געזעסן פון דער לינקער זייט, און אַנטיפּאַס — אין דער מיט. דער שר האָט גע־טראָגן אויף זיך אַ שווערן, שוואַרצן מאַנטל אין פאַר־שיידענע קאָלירן, אַזוי אַז דעם עצם געוועב פון דער מאַטעריע האָט מען גאָר נישט געקאָנט אַרויסזעהן; די שפּיצן פון זייִנע באַקנביינער זיינען געווען אָנגעפּודערט, די באָרד האָט געהאַט די פאָרם פון אַ פאָכער און די האָר זיינע, באַזייט מיט בלויע פּודרע־שפּריינקלאַך, זיינען געווען צונויפגעבונדן מיט דעם אַזוי אָנגערופענעם קיניג־ליכן דיאַדעם—אַ זיידן טיכל, באַזעצט מיט טייערע שטיינער. וויטעליוס איז געווען אָנגעטאָן אין זיין ברייטן רוימישן מאַנטל, און איבער די פּלייצעס איז באַ אים אַראָפּ־געהאַנגען באַלכסון זיין ברייטער פּורפּורנער פּאַס, אָן וועלכן עס האָבן זיך געהאַלטן זיינע כלי־זין. אולוס האָט אויף זיך געטראָגן אַ פיאָלעט־זיידענעם מאַנטל מיט זילבערנע פּאַסן; די האָר זיינען געווען באַ אים פריזירט אין דער פאָרם פון אַ פיל־גאָרנדינן טורעם, און אַ קייט מיט סאַפיר־שטיינער האָט געבלישטשעט און זיך געבאָמבלט אויף זיין ברוסט, וועלכע איז געווען פעט און ווייס ווי די פון אַ פרוי. אויף אַ מאַטראַץ נעבן אים איז געזעסן, די פיס אַריבערגעוואָרפן איינער איבערן אַנדערן, זעהר אַ שיין יונגל, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געשמייכלט. דאָס דאָזיגע יונגל האָט אולוס איינמאָל דערטאַפּט ערגיץ אין אַ קיך פונם פּאַלאַץ, און פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין אָהן אים ניט געקאָנט לעבן; ער האָט אים גערופן „אַזיאַט“, ווייל ער האָט זיין כאַלדעאישן נאָמען נישט געקאָנט אויס־ריידן און גערייִנקען. אָפט פלעגט ער זיך צולייגן אויף

דער סאָפּקע, און דאַן זיינען זיינע נאַקעטע פיס אַראָפּ־געהאַנגען איבער דעם פאַרזאַמלטן עולם.

צו דער ראָזיגער זייט צו זיינען געזעסן די כּהנים, אַנטיפּאַסעס פאַרוואַלטערס, די תּושבים פון ירושלים און די גובערנאַטאָרן פון די גריכישע שטעט; אונטער דעם אויבערקאָנסול זיינען געזעסן מאַרצעלוס מיט די מוכסים, דעם שׂרס גוטע פריינט און כּאַרשיירענע פּאַרשוינען פון קאַנאַ, פטאָלעמאַאידע און יריחו; און דערנאָך, ווייטער אונטן, זיינען געזעסן אָהן אַ בּאַשטימטן סדר תּושבים פונם בּאַרג לבנון און אַלטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבּן נאָך געדינט בּאַ הורדוס המלך: צוועלף טראַציער, אַ גאַליער, צוויי גערמאַנען, פּאַסטוכער פון אדום, הירשן־יעגערס, דער סולטאַן פון פּאַלמירע און מאַטראָסן פון עציון־גבר. פאַר איטליכן פון זיי איז געלעגן אַ קיכל פון אַ ווייכן טייג, כּדי אָפּצווישן דערמיט די פינגער; פון אַלע זייטן האָבּן זיך געצויגן אָרעמס, ווי ווי די העלזער פון ווילדע פויגלען, און האָבּן גענומען מאַסלינעס, פּיסטאַשקעס און מאַנדלען. אַלע פּנימער האָבּן געשיינט פאַר שמחה אונטער קרענץ פון בּלומען.

די פּרושים האָבּן זיך אָפּגעזאָגט פון די ראָזיגע קרענץ, ווייל זיי האָבּן עס געהאַלטן פאַר איינעם פון יענע מיאוסע מנהגים, וועלכע קומען פון רוים. אַז מען האָט זיי בּאַשפּריצט מיט חלבונה און קטורת, האָבּן זיי אַ ציטער געטאָן, מחמת מיט די ראָזיגע בּשׂמים פלעגט מען זיך בּאַנוצן אינם בּית־המקדש. אולום האָט מיט זיי אָנגעריבּן די פּאַכוועס, און אַנטיפּאַס האָט אים צוגעזאָגט צו געבּן אַ גאַנצן וואָגן דערפון און דערצו נאָך דריי קערבּ מיט יענע בּשׂמים, צוליבּ

וועלכע קלעאָפּאַטראַ האָט אַמאָל געקראָגן אַזאַ חשק צו פּאַלעסטינע. הינטער אים האָט זיך אַוועקגעזעצט אַן אָפּיצער פון דער טיבעריאַדער סאָלראַטן־ראָטע; ער האָט געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס מיט אים וועגן חשובע, אויסטערליש חשובע, פּאַסירונגען. אָבער אולום האָט זיך נישט איינגעהערט אין זיינע דערציילונגען, מחמת ער האָט זיך גראָד שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם שמועס פונם אויבערקאָנסול און מיט דעם, וואָס מען האָט גערעדט בּאַ די אַרומיגע טישן. און גערעדט האָט מען מכּח יוחנן און נאָך אַזוינע פאַרשווינען; אָט האָט שמעון פון גיטאָי אָפּגעוואַשן די ווּנר מיט פייער. אָט האָט איינער אַ ישוע...

— דער ערגסטער פון אַלעמען, האָט אליעזר אויס־געשריען, ס׳ראַ מיאוסער קאָמעדיאַנשטשיק!

הינטער דעם שר האָט זיך עמיצער אויפגעהויבן; ער איז געווען בּלייך, ווי דער ווייסער זוים פון זיין לאַנגען מאַנטל. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון אויבן און האָט אַ רוף געטאָן מיט אַן אויפוואַרף צו די פּרושים:

— אַ ליגן! ישוע בּאַווייזט נסים!

אַנטיפּאַס האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט אַ בּעלן געווען צו זעהן אַזאַ מין נס מיט זיינע אייגענע אויגן.

— דו האָסט אים בּאַדאַרפט בּריינגען צו פירן אַהערצו. אַדרבּאָ דערצייל אונז, לאָמיר הערן!

דער מענש, וועלכער האָט זיך געהאַט געווענדט צו די פּרושים, האָט איצט אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז היות ווי בּאַ אים, בּאַ יעקבן, איז די טאָכטער געווען קראַנק, איז ער אַראָפּגעפאָרן קיין קאַפּערנאַאום, כּדי בּעטן דעם רבּין, ער זאָל זי היילן. דער רבּי האָט געענטפערט: „קער זיך אום צוריק אַהיים, זי איז

שוין געהיילט". אַז ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער זי געפונען אויפן שוועל פון דער שטוב; זי האָט זיך אויפגעהויבן פונם געלעגער אין דערזעלבער רגע, ווען דער זונען־ווייזער פונם פּאַלאַץ איז געשטאַנען אויף דריי, און דאָס איז פונקט געווען די שעה, ווען ער האָט גערעדט מיט ישוע.

„נו, איז וואָס?", האָבן געענטפערט די פרושים, „עס זיינען בוראַי פאַראַן געוויסע מיטלען, עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע גראָזן און קרייטעכצער, וועלכע פאַרמאָגן אַ וואונדערליכן כח. וואָס דאַרף מען מער? אַז אַט, למשל, אין מאַקערוס גופא געפינט מען אָפט אַזאַ מין גראָז, וואָס אַז מען רייבט זיך מיט דעם אָן, איז מען באַוואָרנט קעגן וואונדן; אָבער היילן פון דערווייטנס, נישט זעהענדיג און נישט באַרירנדיג דעם חולה, דאָס איז אַן אוממעגליכע זאַך, סיידן ישוע באַנוצט זיך מיט טייוואָלים און שדים".

און אַנטיפאַסעס פריינט, די גובערנאַטאָרן פונם גליל, האָבן צונעבאַמבקעט, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ: „עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז מיט טייוואָלים".

שטייענדיג צווישן זייער טיש און דעם טיש פון די כהנים, האָט יעקב געשוויגן מיט אַ מינע פון חייכקייט און גרלות.

ווי האָבן געפאָדערט פון אים, ער זאָל רייִרן: „פאַר־ענטפער זיין מאַפע!"

ער האָט איינגעבויגן די פלייצעס און האָט אַ זאָג געטאָן שטילערהייט און פאַוואָליע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פון זיך אַליין:

— צי ווייסט איר דען נישט, אַז דאָס איז משיח אַליין?

[library stamp]

אַלע כהנים האָבן זיך באַ די ראָזינגע ווערטער אָנגע־
קוקט איינער דעם אַנדערן. וויטעליוס האָט געפרעגט,
וואָס דאָס וואָרט משיח באַטייט. זיין פּאַרטייטשער
האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און דערנאָך געענטפערט.
„משיח“, האָט ער געזאָגט, „הייסט באַ זיי אַ באַפרייער,
וועלכער וועט ברייננען אין זייער רשות אַלע זאַכן
אויף דער וועלט און אַרונטערוואַרפן אונטער זייער
שליטה אַלע פעלקער. עס זיינען פאַראַן אַזוינע צווישן
זיי, וועלכע זאָגן, אַז מען דאַרף וואַרטן אויף צוויי
משיחים. דער ערשטער פון די ראָזינגע משיחים וועט
פאַלן דורך דער האַנט פון גוג און מגוג, די שרים
פון צפון, אָבער דער אַנדערער וועט מאַכן אַ סוף צו
דעם שר פון בייז. אויף די ראָזינגע משיחים וואַרטן זיי
איטליכע רגע אין משך פון גאַנצע דורות און יאָר־
הונדערטער“.

דאָ האָט אליעזר גענומען דאָס וואָרט נאָך דעם,
ווי די כהנים האָבן זיך צווישן זיך צונויפגערעדט.

קודם כל וועט משיח אַרויסקומען פון דוד המלכן און
נישט פון אַ סטאָליער; און והשנית, וועט ער מקים
זיין און פאַרפעסטיגן די תורה; דער ראָזינגער נוצרי אָבער
פאַלט אויף איר אָן; און אַ חוץ דעם אַלעם,
וועט פריהער מוזן קומען אליהו הנביא, און דאָס איז
די שטאַרקסטע ראַיה.

דערויף האָט יעקב געענטפערט:

—אָבער אליהו הנביא איז דאָך שוין געקומען!

„אליהו, אליהו!“, האָט דער גאַנצער עולם איבער־
געחזרט פון איין עק זאָל ביז צום אַנדערן.

אַלע האָבן זיי אין זייער פאַנטאַזיע דערזעהן אַ זקן;
איבער זיין קאָפּ האָט געשוועבט אַ מחנה פון ראָבן;

אַ מזבח איז פאַרברענט געוואָרן פון אַ בליץ, און פאַלשע כהנים, עבודה־זרה־ניקעס, זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טייך אַריין. די ווייבער אויף די גאַלערייעס האָבן בשעת מעשה געטראַכט וועגן דער אלמנה פון סאַרעפטאַ.

יעקב האָט אָהן אַן אויפהער געטענעט, אַז ער קען אים. ער האָט אים געזעהן! און דאָס פאָלק אויך!

— ווי הייסט ער?

מיטן גאַנצן כח האָט ער אַ געשריי געטאָן: „יוחנן!“

אַנטיפאַס איז אַנידערגעפאַלן אַהינטער, אַזוי ווי ער וואָלט געקראָגן אַ קלאַפּ אין מיטן ברוסט. די צדוקים האָבן אַ שפּרונג געטאָן אויף יעקבן.

אליעזר האָט גערדרשענט און האָט זיך געפלייסט, דער עולם זאָל אים הערן. אַז עס איז ווידער שטיל געוואָרן, האָט ער זיך איינגעוויקלט אין זיין מאַנטל און האָט אָנגעהויבן צו פרעגן שאלות, ווי אַ שופט.

— ווי באַלד אַז דער נביא איז געשטאָרבן...

אַ געמורמל האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד. מען האָט געגלויבט, אַז אליהו איז ניט געשטאָרבן, נאָר נעלם געוואָרן.

ער איז אין כעס געוואָרן אויף דעם גאַנצן עולם און האָט ווייטער אויסגעפרעגט:

— מיינסטו אפשר, אַז ער איז אויפגעשטאַנען תחית המתים?

— פאַרוואָס רען ניט? — האָט יעקב געענטפערט.

די צדוקים האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס. יונתן האָט ווייט פונאַנדערגעעפנט זיינע קליינע אויגן און האָט זיך געסטאַרעט צו לאַכן ווי אַ קאָמעדיאַנטשיק. עס איז נישטאָ קיין נאַרישערע זאַך ווי דאָס, וואָס דער

גוף וויל לעבן אייביג; און צוליב דעם אויבערקאָנסול האָט ער רעקלאַמירט דעם פערז פון אַ דיכטער פון יענער צייט:

Nec crescit, nec post mortem durare videtus.

אין דער אייגענער צייט האָט זיך אולוס אַ בויג געטאָן איבערן קאַנט פון זיין סאָפקע, — מיט אַ פאַר־שוויצטן שטערן, אַ גרינגער צורה און האַלטנדיג די הענט איבערן בויך.

די צרוקים האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי זיינען שטאַרק צערודערט — צו מאָרגן וועלן זיי קריגן דאָס רעכט פון די קרבנות; אַנטיפאַס האָט אַרויסגעוויזן גרויס צער, וואָס איז דערגאַנגען ביז יאוש; וויטעליוס איז געבליבן קאַלטבלוטיג, הגם ער האָט שטאַרק מורא געהאַט, וואָרום מיט דעם טויט פון זיין זון וואָלט ער פאַרלוירן זיין גאַנצע רייכקייט. אָבער אולוס האָט נאָך נישט אַלץ אַראָפּגעשלינגען, ווי ער האָט שוין ווידער געוואָלט עסן. „זאָל מען מיר געבן דעם שטויב פון מירמלשטיין, דעם שיפער־שטיין פון נאַקסאָס, ים־וואַסער, וואָס עס איז! צי זאָל איך נישט נעמען אַ וואַנע?“ ער האָט גענומען אַביסל פון דעם איי־ווייסלאַך־קרעם, האָט גע־האַט אַ קליין ישוב הדעת צווישן אַ שיסעלע פון דעם מאַכל קאָממאַזשן און געבראָטענע ראָזע־פאַרביגע טויי־בעלאַך און האָט צום סוף באַשלאָסן צו נעמען זיך פאַר האָניג־קירבעסן. דער אַזיאַט האָט אים באַטראַכט מיט גרויס התמרה, וואָרום אַזאַ מין אייזערנע גבורה אין דער אַכילה איז פאַר אים געווען אַ סימן, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ וואונדערליך באַשעפעניש און פון אַ מין העכערן סאָרט.

מען האָט דערלאַנגט אָקסענע גירן, סאָלאָוועיטשיקעס, געהאַקט פלייש אין בלעטער פון ווייַנשטאָק־צווייגלאַך; די כהנים האָבן זיך דערווייל מתוכח געווען מכח דעם ענין פון תחית המתים; אַממאָניוס, דער תלמיד פון פילון האַלעקסנדרוני, האָט זיי געהאַלטן פאַר שוטים, אַרויס־זאָגנדיג וועגן זיי זיין מיינונג די גריכן, וועלכע זיינען נעבן אים געזעסן, וואָרום די גריכן האָבן געלאַכט פון נביאות און וואָרזאָגעריי. מאַרצעללוס און יעקב האָבן זיך געחברט איינער מיט דעם אַנדערן. דער ערשטער האָט דערציילט דעם צווייטן, וואָס פאַר אַ תענוג ער האָט געפילט, אָנגעמענדיג דאָס מיטראַ־גלויבן, און יעקב האָט אים צוגערעדט, ער זאָל בעסער אַריבערגיין צו ישוען. די פאַלם־ און די טאַמאַריסקע־ווייַנען, די ווייַנען פון צפת און ביבלאָס האָבן זיך נעגאָסן פון די קרינגלאַך אין די פלעשלאַך, פון די פלעשלאַך אין די בעכערס און פון די בעכערס אין די העלזער אַריין; מען האָט געפּלוידערט, און די הערצער זיינען פריי געוואָרן; יותם האָט אויסגעזאָגט, אַז ער דינט כוכבים ומזלות, הגם ער איז אַ איד. אַ סוחר פון אַפאַקאַ האָט אויסדערציילט מיט אַלע פּישטשעווקעס אַלע נסים ונפלאות, וואָס ער האָט גע־זעהן מיט זיינע אייגענע אויגן אין דעם הייליגן הויז פון יעראַפּאָליס; זיי האָבן אים געהערט מיט אָפענע מיילער און געפרעגט, וויפיל עס דאַרף קאָסטן די נסיעה אַהינצו. די אַנדערע זיינען געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר זייער אייגענער אמונה, די אמונה פון זייער לאַנד און פון זייער פאָלק. איינער פונם ווייטן צפון, כמעט אַ בלינדער, האָט געזונגען אַ פּזמון לכבוד דעם סקאַנדינאַווישן פאָרבאַרג, וואו די געטער באַ־

ווייזן זיך מיט שטראַלן אַרום זייער געזיכט. תּושבים פון שכם האָבן ניט נענעסן קיין טורטלטויבן, מחמת די טויב אַצימאַ איז בּאַ זיי געווען הייליג. עטליכע פון די געסט האָבן געשמועסט שטייענדיגערהייט אין דער מיט פונם זאַל. אין דער לופט האָט זיך אַרומגעטראָגן אַ נעפּל, אין וועלכן עס האָבן זיך צונויפגעמישט די אויסעטע־מונגען פון די געסט מיט דעם רויך פון די ליכט. עס האָט זיך בּאַוויזן פנואל, פאַרבּייגייענדיג בּאַ די ווענט. ער איז געקומען אויסצופאָרשן דעם הימל, אָבער ביז צו אַנטיפּאַסן איז ער נישט צוגעקומען, וואָרום ער האָט מוראָ געהאַט פאַר די פלעקן פון בוימל, וועלכע די אסיים האָבן געהאַלטן פאַר טמא.

מען האָט פּלוצים דערהערט, ווי עמיצער קלאַפּט אינם טויער פונם שלאָס. אַלע האָבן געוואוסט, אַז יוחנן זיצט דאָרטן פאַרשפּאַרט. מענשן מיט שטור־קאַטשן האָבן געקלעטערט אויף דער סטעזשקע; אויפן שמאָלן וועג אונטן האָט געשווייבלט און געגריבּלט אַ שוואַרצע מאַסע, וועלכע האָט געשריען אַלע ווײַלע: „יוחנן, יוחנן!“

— פון אים קומען אַלע צרות! האָט יונתן אַ זאָג געטאָן.

— אויב ער וועט ווייטער פראַווען זיינע שטיק, וועט מען בּרלות ווערן, האָבן מוסיף געווען די פּרושים.

און מען האָט אָנגעהויבן אויפצוואַרפן פון אַלע זייטן:

— בּאַשיץ אונז!

— זאָל מען מאַכן אַ סוף צו דער גאַנצער זאַך!

— דו וואַרפסט אַוועק דיין אמונה!

— בּיסט אַ פושע ווי אַלע הורדוסעס!

— איך בּין ווייניגער פושע ווי איר, האָט אַנטיפּאַס

געענטפערט, ווער האָט אויפגעבויט אייער בית־המקרש, ווען ניט מיין פאָטער!

די פּרושים, וואָס זיינען געווען פון מתתיהוס חסידים און וואָס זייערע עלטערן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל, האָבן דאַן אָנגעהויבן אויפצוּוואַרפן דעם שר די חטאים און פאַרברעכן פון זיין משפּחה. זיי האָבן געהאַט שפּיציגע שאַרבנס, צעשויבערטע בערד, שוואַכע און בייזע הענט; אַנדערע פון זיי האָבן גע־האַט פלאַטשיגע פּנימער, גרויסע קיילעכדיגע אויגן און די מינע פון בולדאָגן. אַן ערך אַ טוץ פאַרשוינען, שרייבערלאַך און משרתים פון כהנים, וועלכע האָבן זיך מפרנס געווען פון די רעשטלאַך פון די קרבנות, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן ביז צום אונטערשטן טייל פון דער בימה און האָבן אַנטיפּאַסן געסטראַשעט מיט זייערע מעסערס. אַנטיפּאַס האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיי אויס־צוטענען, און די צדוקים האָבן אים שוואַך אונטער־געהאַלטן. אָבער מנחם האָט אים צוגעוואונקען, ער זאָל אַוועקגיין, וואָרום וויטעליוס האָט געגעבן אַן אָנצוהערע־ניש, אַז דער גאַנצער ענין קער זיך מיט אים ניט אָן.

די פּרושים, וואָס זיינען געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער, זיינען אַריינגעקומען אין אַ ווילדער רציחה; זיי האָבן צעבראָכן די טעלערס, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר זיי. די מעשה דערפון איז געווען, וואָס מען האָט זיי דערלאַנגט אַ געבּראָטנס, וואָס מעצען פלעגט אַזוי האָלט האָבן — דאָס פלייש פון אַ ווילדן אייזל. דאָס איז אָבער געווען פאַר זיי בשר טריפה.

אולוס האָט דערביי פון זיי חוזק געמאַכט מכּח דעם קאָפּ פונם אייזל, פאַר וועמען זיי בוקן זיך אין זייער בית־המקדש, אַזוי דערציילט מען; אַ חוץ דעם,

האָט ער זיך געוויצלט מכּח דעם, וואָס זיי מיאוסן זיך אַזוי פאַר חזיר־פליישׁ: מן הסתּם דערפאַר, וואָס די ראָזינע חיה האָט אַמאָל געהרגעט זייער וויין־גאָט באַקכוס; און אַז זיי זיינען גרויסע שכּורים, דאָס איז דאָך ידוע, וואָרום מען האָט אין זייער בּית־המדרש געפונען אַ גילדערנעם ווינשטאָק.

די כּהנים האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט. פינע, אַ תּושב פונם גליל, האָט עס נישט געוואָלט איבערזעצן אויף זייער לשון. אולוס איז מוראָדיג אין כּעס געוואָרן, וואָרום, אַ חוץ דעם, איז ער צערייצט געוואָרן נאָך פון אַן אַנדער סבּה: דער אַזיאַט איז פּלוצים נישט געוואָרן, וואָרום ער האָט מוראָ גע־קראָגן און איז אַנטלאָפן. און בּכלל איז אים די גאַנצע סעודה נמאס געוואָרן — די מאַכלים זיינען געווען גראָב און נישט צוגעגרייט ווי עס באַדאַרף צו זיין! אָבער ער האָט זיך תּיכּף בּאַרוהיגט, דערזעהענדיג פאַר זיך עקן פון סירישע שעפּסן, וועלכע זיינען בּפועל ממש אָנגעשטאָפּט געווען מיט פעטקייט.

וויטעליוס האָט געפונען, אַז די אידן זיינען מיאוסע נפשות. צי איז נישט זייער גאָט יענער מולך, וועמעס מזבּחות ער פלעגט אָפט אָנטרעפן אויף די וועגן? עס זיינען אים דערבּיי אַרויפגעקומען אויפן זינען די קרבּנות פון קינדער און די מעשה מיט יענעם פאַרשוין, וועמען זיי פלעגן קאָרמענען בּשתּיקה, כּדי ער זאָל פעט ווערן. זיין לאַטייניש האַרץ האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן זייער פאַנאַטיזם, זייער שנאה צו בּילדער, זייער אומגעלומפּערטע עקשנות.

דער אויבּערקאָנסול האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, אָבער אולוס האָט נאָך געוואָלט בּלייבּן. ער האָט זיין

מאַנטל אַראָפּגעלאָזן ביז די לענדן און איז געלעגן הינטער אַ באַרג מיט עסנוואַרג. ער איז געווען צו זאַט, כּדי ער זאָל קאָנען עפּעס נעמען דערפון, אָבער אָפּ־זאָגן זיך פון זיי האָט ער אויך נישט געקאָנט.

די התלהבות פונם פאָלק האָט זיך דערווייל וואָס ווייטער, אַלץ מער צעוואַקסן. מען האָט געחלומט מכּח אַן אייגענע מלוכה אָהן די אויבערהערשאַפט פון די רוימער. מען האָט צוריקגערופן אין זכּרון די אַמאָליגע גרויסקייט פונם פאָלק ישראל. אַלע בעלי־נצחון און איינגעמער פון לענדער זיינען באַשטראָפט געוואָרן, דהיינו: אַנטיגאָנוס, קראַסוס, וואַרוס...

„אומגליקליכע נפשות!" האָט דער אויבערקאָנסול אַ זאָג געטאָן; ער האָט פאַרשטאַנען סיריש און מיט זיין פאַרטייטשער פלעגט ער זיך באַנוצן נאָר צוליב דעם, כּדי ער זאָל בשעת מעשה קאָנען באַקלערן וואָס צו ענטפערן.

אַנטיפּאַס האָט אויף גיך אַרויסגענומען דעם מע־ראַליאָן און האָט אים געהאַלטן אַזוי, אַז אַלע אַרום זיין טיש האָבן געקאָנט זעהן דעם קיסרס בּילד.

פּלוצים האָבן זיך פונאַנדערגערוקט די ביידע פאָר־האַנגען פון דער באַגילדעטער גאַלעריי און בּאַ דעם העלן שיין פון די ליכט, צווישן שקלאַפן און קראַנצן פון ווינט־בלומען, האָט זיך באַוויזן העראָדיאַדע. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ אַסיריש הייבל, וואָס איז פאַרבונדן געווען איבערן האַלז מיט סטענגעס; אירע געקרייזלטע האָר האָבן זיך צעשאָטן איבער אַן אַלט גריכיש קלייד אין שאַרלאַך־רויטער פאַרב און מיט שפּאַלטן פון ביידע זייטן אין דער לייגג פון די אַרבל; זי האָט זיך אַנידערגעשטעלט צווישן די צוויי גרויסע, אין שטיין אויסגעהאַקטע, לעמפּערטן, וועלכע

זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטן פון דער טיר און וועלכע זיינען ענליך געווען צו יענע חיות, וואָס מען האָט געפונען אין די אוצרות פון די אַזוי אָנגערופענע אַטרידן, די יורשים פונם גריכישן קיניג פון אַרגאָס; אין יענער רגע האָט זי אויסגעזעהן, ווי קיבעלע, די געטין פון דער ערד און דער נאַטור צווישן אירע לייבן. האַלטנדיג אין דער האַנט איינס פון יענע הייליגע שיסע־לאַך, אין וועלכע מען איז מקריב פאַרשיידענע קריי־טעכצער, קטורתן און וויינען פאַר די געטער, האָט זי פון דער הייך איבער אַנטיפאַסעס קאָפּ אַ געשריי געטאָן:

— לאַנג זאָל לעבן דער קיסר!

די ראָזיגע באַגריסונג איז אָבערגעחזרט געוואָרן פון וויטעליוסן, אַנטיפאַסן און די כהנים. אָבער דאָ האָט זיך אין דער טיפעניש פונם זאַל דערהערט אַ געמורמל פון התפעלות — אַ יונג מיידל איז נאָר וואָס אַריין אין זאַל.

אונטער אַ בלויליכן שלייער, וועלכער האָט באַדעקט איר קאָפּ און איר ברוסט, האָט מען געקאָנט קלאָר אַרויס־זעהן די האַלבקיילעכדיגע ברעמען איבער אירע אויגן, די איידל־שטיין־פאַרביגע אויערן און די ווייסקייט פון איר הויט; אַ זיידן טיכל אין אַ גרוי־בלויער פאַרב האָט באַדעקט אירע פלייצעס און אַ גאַרטל האָט עס פאַרהאַלטן באַ די לענדן, אויסגעשטיקט מיט גאָלד; זי האָט געטראָגן קורצע, שוואַרצע הויזן, וואָס זיינען באַזייט געווען מיט די אַזוי אָנגערופענע מאַנדראַגאָרע־וואָרצלען, מיט יענע בלומען־געוויקסן, וועלכע, ווי די אַלטע פעלקער האָבן געגלויבט, פאַרמאָגן אַ כח פון כשוף; זי האָט געקלאַפּט מיט אירע פאַנטאָפּעלאַך פון קאָליברי־פּוך מיט אַ מין באַחנטער פּוילקייט.

שטייענדיג אין דער הייך, האָט זי אַראָפּגענומען איר

שלייער. ראָס איז געווען די הערראַריאַרע אין אירע מיידלשע יאָרן. רערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צו טאַנצן. באַ דעם ריטמישן קלאַנג פון אַ פלייט און צוויי ציי־נערנע טעלער האָבן זיך אירע פיס געהויבן אין דעם שטענדיגן סדר: איין פוס פאָראויס און דער אַנדערער — פון הינטן. אירע קיילעכדיגע אָרעמס האָבן עמיצן גערופן, וועלכער האָט תמיד געהאַלטן אין איין אַנטלויפן. זי האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אים גרינגער, ווי אַ באַבאַטשקע, ווי אַ בלאָנקענדיגע נשמה, ווי אַ טשיקאַווע געליבטע פון דעם ליבע־גאָט ערראָס. בשעת מעשה האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אָט אָט פליהט זי אַוועק.

די צינערנע טעלער זיינען אַנטשוויגן געוואָרן און עס האָבן זיך געלאָזט הערן שווערע, מרה שחורהדיגע קלאַנגען. נאָך דער האָפענונג איז געקומען דער יאוש. דער גאַנצער אופן פון איר אַוועקשטעלן זיך האָט אויס־גערריקט אַ טיפן צער, און איר גאַנצע פיגור האָט אויסגעדריקט אַזוי פיל בענקשאַפט, אַז מען האָט ניט געוואוסט, צי זי באַקלאָגט אַ גאָט, אָדער צי זי גייט אוים מחמת צו גרויס ליבשאַפט. האַלב צומאַכנדיג די וויעס, האָט זי געדרייט מיט דער טאַליע אַהין און אַהער, האָט געשאָקלט מיטן בויך הין און צוריק, ווי אַ כוואַליע, האָט געטרייסלט מיט אירע ברייטע ברוסטן, און איר געזיכט איז בשעת מעשה געבליבן קאַלטבלוטיג, און אירע פיס האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו באַוועגן.

וויטעליוּס האָט זי פאַרגליכן מיט מנעסטערן, דעם באַוואוסטן פאַנטאָמימע־טענצער פון זיין צייט. דער שר איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ חלום און האָט שוין וועגן הערראָריאַדען גאָר נישט געטראַכט. ער האָט געמיינט, אַז זי געפינט זיך איצט באַ די פרושים. דער

חלום האָט זיך רערוויטערט. אָבער עס איז נישט געווען קיין חלום. זי האָט איר טאָכטער שולמית געלאָזט לערנען ווייט פון רעם שלאָס־פּאַלאַץ מאַקערוס — אפשר וועט זיך רער שר אין איר פאַרליבן; ראָס איז געווען אַ גוטער געראַנק. איצט איז זי אין רעם געווען בטוח!

און רערנאָך — רערנאָך איז ראָס געווען רער אימ־פּעט פון אַ תאוה, וואָס וויל נישט אַנרערש באַפרי־רינגט ווערן. זי האָט געטאַנצט, ווי רי היילינגע טענצערנס פון אינריע, ווי רי ווייבער פון נוביע באַ רי וואַסערפאַלן, ווי רי וואַקכאַנקעס פון לידיע. זי האָט זיך געוואָרפן פון אַלע זייטן ווי אַ בלום, וועלכע ווערט געטרייסלט פון ווינט. רי בריליאַנטן פון אירע אוירינגלאַך האָבן מיטגעטאַנצט, רער טוך פון אירע קליירער האָט שי־מערירט אויף איר רוקן אין אַלע קאָלירן; פון אירע אָרעמס, אירע פיס און אירע קליירער זיינען געפלויגן פונקען, פון וועלכע רי מאַנסבילען זיינען אָנגעצונרן געוואָרן, הגם קיינער האָט זיי נישט געזעהן; עס האָט זיך געלאָזט הערן רער קלאַנג פון אַ האַרף; רער עולם האָט אונטערגעזונגען מיט התלהבות. פונאַנרערשפּריי־טנריג רי פיס און ניט איינבויגנריג רערביי רי קני, האָט זי אָבער איר גאַנצן קערפּער אַזוי טיף איינגעבויגן, אַז זי האָט מיט איר קין אָנגערירט רי פּאָרלאָגע. אַלע האָבן געציטערט פון גרויס תאוה, ברייט פונאַנרער־עפנריג רי נאָזלעכער — הן רי פּאַסטוכער, וועלכע זיינען געווינט צו פרישות; הן רי רוימישע סאָלראַטן, וועלכע זיינען געניט געווען אין הלכות זנות; הן רי קאַרגע מוכסים; הן רי כּהנים, וועלכע זיינען צערייצט געווען פון רי שטענריגע וכּוחים.

דערנאָך האָט זי זיך אָנגעהויבן ווילד אַרומצודרייען אַרום אַנטיפּאַסעס טיש, ווי דער נאַר פון די מכשפות; און מיט אַ שטים, פאַרשטיקט פון תאוה, האָט זי אים געזאָגט:

— קום צו מיר, קום!

זי האָט זיך ניט אויפגעהערט צו דרייען; די צימבלאַך האָבן געדעשט ביז צום צעפּלאַצן, און דער עולם האָט געשריען און געליאַרעמט. אָבער העכער פון אַלעמען האָט געשריען דער שר:

— קום אַהער, קום! דו וועסט קריגן קאַפּאַרנאַאום! טבריה! מיינע פעסטונגען! די העלפט פון מיין קיניגרייך!

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אירע הענט, האַלטנדיג די פּיאַטקעס אין דער הייך, און איז אַזוי אַדורכגעפלוינן דעם גאַנצן פּלאַץ אַרום און אַרום, ווי אַ זשוק; ראַפּטאָם איז זי געבליבן שטיין.

די ליניע פון איר געניק האָט זיך געבויגן צו דער ליניע פון איר חוט השדרה אַזוי, אַז פון ביידע איז געוואָרן אַ גלייכער ווינקל. די פאַרבינגע פאַסן פון טוך, וועלכע האָבן איינגעוויקלט אירע פיס, זיינען איר אַריבער־געהאַנגען ווי די רעגנבויגנס איבער אירע פּלייצעס ביז אַן ערך אַן איל פון דער פּאָדלאָגע. אירע ליפּן זיינען געווען געפאַרבט, אירע ברעמען זעהר שוואַרץ, אירע אויגן זיינען געווען כמעט שרעקליך און די טראָפּנס שווייס אויף איר שטערן האָבן אויסגעזעהן ווי פאַרע אויף ווייסן מירמלשטיין.

זי האָט געשוויגן. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן.

אויף דער בימה האָט זיך דערהערט אַ קנאַק מיט פינגער. זי האָט זיך אַהינצו אַרויפגעהויבן. מיט אַ קינ־

דערשער מינע און אויסריירנדיג אַ „ש“, ווי אַ „ז“, אויף אַ קינדערשן אופן, האָט זי אַרויסגעזאָגט:

— איך וויל, דו זאָלסט מיר דערלאַנגען אויף אַ טעלער דעם קאָפּ... זי האָט פאַרגעסן דעם נאָמען, אָבער האָט זיך באַלד געכאַפּט מיט אַ שמייכל: — דעם קאָפּ פון יוחנן!

דער שר איז אַ דערשלאָגענער אַנידערגעפאַלן. ער האָט געגעבן זיין וואָרט און האָט עס געמווט האַלטן; אָבער אפשר וועט דער טויט, אויף וועלכן מען האָט אים נביאות געזאָגט, צו אים גאָר ניט דערגייען, אויב מען וועט הרגענען אַן אַנדערן אויף זיין אָרט? ממה נפשך: איז יוחנן טאַקע אין דער אמתן אליהו הנביא, וועט ער זיך שוין אַן עצה געבן, און אויב ניט, איז דערהויפּט נישטאָ פון וואָס צו ריידן.

נעבן אים איז געשטאַנען מנחם; ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט.

וויטעליוס האָט אים צוגערופן צו זיך, כדי אים איבערצוגעבן יענע ווערטער, וועלכע ער וועט באַראַפן זאָגן די סאָלדאַטן פון דער שמירה, זיי זאָלן אים אַריינלאָזן.

באַ אַנטיפּאַסן איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרצן. אין אַ מינוט אַרום וועט שוין אַלץ זיין פאַרטיג! אָבער מנחם האָט זיך עפּעס גאָר נישט געאײַלט. ער איז געווען זעהר צעטראָגן. זייט פערציג יאָר טוט ער די מלאָכה פון אַ תּליון. ער איז דאָס געווען, וועלכער האָט דערטרונקען אַריסטבולן, דערוואָרגן אַלעקסאַנדערן, פאַרברענט אַ לעבעדיגן מתתיהון, אַראָפּגענומען דעם קאָפּ באַ זאָסימען, פּאַפּוסן, יוספן און אַנטיפּאַטערן — און ער האָט זיך ניט דערוועגט צו טויטן יוחנן! עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, און זיין גאַנצער גוף האָט

געציטערט. פאַר דער גרויס פון דער תּפיסה האָט ער דערזעהן דעם גרויסן מלאך פון די שומרונים, אינגאַנצן באַדעקט מיט אויגן און פאָכנדיג מיט אַ גרויסן שווערד, אַ רויטן און אַ זעגיגן ווי אַ פלאַם. ער האָט געבראַכט מיט זיך צוויי סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געקאָנט זאָגן עדות, אַז דאָס, וואָס ער האָט געזעהן, איז געווען אויפן וואָר. אין דער אמתן, האָבן זיי קיין אַנדער זאַך נישט געזעהן ווי אַ אירישן אָפיצער, וועלכער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיי און וועלכער איז שוין מער נישט געווען אויף דער וועלט.

הערָאָדיאַדע איז אַריינגעקומען אין רציחה. איר ווילדער כּעס האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַ מבול פון גראָבע און בלוט־דאָרשטיגע זידלערייען. זי האָט זיך צעריסן די נעגל פון אירע פינגער אָן די גראַטעס פון דער בּימה, און עס האָט זיך אויסגערוכט, אַז די צוויי שטיינערנע לייבן בייסן אירע פלייצעס און ברומען ווי זי.

אַלע האָבן איר נאָכגעטאָן — אַנטיפּאַס, די כּהנים, די סאָלדאַטן און די פּרושים; זיי אַלע האָבן געפאָדערט נקמה. די איבעריגע געסט ווידער האָבן געשריען, ווייל זיי זיינען געווען אין כּעס, וואָס מען ציהט אָפּ זייער פאַרגעניגן.

מנחם איז אַרויסגעגאַנגען, באַדעקנדיג דעם קאָפּ.

פאַר די געסט האָט זיך דאָס מאָל די צייט געצויגן לענגער ווי פריהער. מען האָט זיך גענודושעט.

פלוצים האָט אָפּגעהילכט אַ טופּן פון טריט אין די קאָרידאָרן.

עס איז געקומען דער קאָפּ, אויף וועלכן מען האָט אַזוי געוואַרט. מנחם האָט אים געהאַלטן פאַר די האָר, אויסשטרעקנדיג דעם אָרעם. ער איז געווען גרויס באַ זיך,

וואָס מען האָט אים געפּאַטשט בראַוואָ. ער האָט אים אַרויפגעלעגט אויף אַ טעלער און האָט עס דערלאַנגט שולמיתן. זי איז געשווינד אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה. אין עטליכע מינוט אַרום איז דער קאָפּ אַרויפגע־טראָגן געוואָרן פון דערזועלביגער אַלטער פרוי, וועלכע דער שר האָט אין דערפריה דערזעהן דאָ אויפן דאַך פון אַ הויז און דאָ באַ הערדאָריאַרען אין צימער.

ער איז אָפּגעטראָטן צוריק, כדי אים ניט צו זעהן. וויטעליוס האָט אויפן קאָפּ אַ וואָרף געטאָן אַ קאַלטבלו־טיגן קוק.

מנחם איז דערמיט אַראָפּגעגאַנגען פון דער הייך און האָט עס געוויזן די רוימישע אָפיצערן און דערנאָך אויך אַלע־מען, וועלכע האָבן געגעסן אויף דער דאָזיגער זייט פון טיש.

זיי האָבן עס אַלע באַטראַכט.

דער שאַרפער שטאָל פון דעם שווערד, אַראָפּלאָזנדיג זיך פון אויבן ביז אונטן, האָט זיך איינגעשניטן אין יענעם טייל, אין וועלכן עס זיינען געזעסן די ציין. די ווינקלאַך פונם מויל האָבן זיך צונויפגעצויגן אין אַ קראַמף. די באָרד איז ערטערווייז באַזייט געווען מיט שטיקלאַך פון פאַרטרוקנט בלוט; די האַלב צוגעמאַכטע ־וויעס זיינען געווען בלאַס, ווי די שאָלעכץ פון אַן איי. און די לייכטער פון אַרום און אַרום האָבן געשטראַלט.

דער קאָפּ איז אָנגעקומען ביז צום טיש פון די כהנים. אַ פּרוש האָט אים אַרומגעדרייט פון אַלע זייטן. מנחם האָט אים ווידער געגעבן אַ שטעל אַוועק און גלייך פאַר אולוסן, וועלכער האָט זיך דעריבער אויפגעכאַפּט פונם שלאָף. עס האָט זיך אויסגערוכט, אַז די טויטע און די אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך עפּעס געזאָגט איינער דעם אַנדערן.

רערנאָך האָט מנחם אים אַוועקגעשטעלט פאַר אַנטי־פּאַסן. איבער זיינע באַקן האָבן געראָנען טרערן.

די פּייערן זיינען פאַרלאָשן געוואָרן; די געסט זיינען זיך צעגאַנגען; אינם זאַל איז מער נישט געבליבן, ווי אַנטיפּאַס; ער איז געזעסן איינער אַליין, דעם שטערן צווישן די הענט, נישט אַראָפּלאָזנדיג קיין אויג פונם אָפּגעהאַקטן קאָפּ; אין דער טיפעניש פונם זאַל איז געשטאַנען פנואל מיט אויסגעשטרעקטע הענט און האָט מתפלל געווען.

בשעת די זון האָט זיך אויפגעהויבן אין דער הייך, זיינען אָנגעקומען יענע צוויי מענשן, וועלכע יוחנן האָט אַמאָל געהאַט געשיקט אין אַ שליחות, און געבראַכט האָבן זיי יענע תשובה, אויף וועלכע מען האָט אַזוי לאַנג געוואַרט.

די ראָזיגע תשובה האָבן זיי איבערגעגעבן פנואלן, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין גרוים התפעלות.

ער האָט זיי געוויזן דעם שרעקליכן חפץ, וועלכער איז געלעגן אויף אַ טעלער, צווישן די רעשטלאַך פון דער סעודה. איינער פון זיי האָט אים געזאָגט:

— ראגה ניט! ער איז אַראָפּגעגאַנגען צו די מתים, כדי זיי אָנצוזאָגן די בשורה, אַז ישוע הנוצרי איז געקומען!

דעם אסיי זיינען איצט קלאָר געוואָרן יענע ווערטער, וועלכע ער האָט אַמאָל געהערט: „כדי ער זאָל וואַקסן, מוז איך פאַרמינערט ווערן“.

זיי אַלע האָבן גענומען זאַלבאַדריט יוחננס קאָפּ און זיינען דערמיט אַוועקגעגאַנגען צו דער זייט פונם גליל.

אַזוי ווי דער קאָפּ איז געווען זעהר שווער, האָבן זיי זיך געביטן מיט דער משא; איטליכער פון זיי דרייען האָט געטראָגן דעם קאָפּ אין אַ משך פון אַ באַשטימטער צייט.

# כלל־ביבליאָטעק

סיט דער סעריע איז דער פארלאג אויסן צו געבן דעם אידישן לעזער סיי פון דער שיינער ליטעראטור (אָריגינעל־אידישע און איבערזעצונגען), סיי פּאָפּולער נעשריבענע ביכער אויף אלע געביטן פון דער וויסנ־שאפט. דער פארלאג וועט זיך באמיהען צו ברייננען דאָס בעסטע און אויסנעקליבנסטע פון בעלעטריסטיק און וויסנשאפטליכער ליטעראטור אין א פאסינער שיינער פאָרם, אין א איינהייטליכן פאָרמאט און, לויט די פרייזן, נאַנגבאר פארן ברייטן עולם.

## די ערשטע פערצען ביכער:


1) ח. נ. ביאליק: צער און צאָרן
2-3) א. נ. ננעסין: מעשה אָסעלאָ און סאמואיל באמואילאָוויטש
4) ה. ד. נאָמבערג: אין א פוילישער ישיבה
5) צבי הירשקאן: ניט הינטער א פלויט
6) ערנסט מאך: צו וואס האט א מענש צוויי אוינן
7) ס. ווישניצער: די אידישע צעכן אין פוילן און ליטע
8-9) יו. וואגנער: מעשיות וועגן פייער און ליכטינקייט
10) נ. פלאָבער: העראָדיאס
11) ריקארדא הוך: דער אידישער קבר
12) דער נר צדק פון שלעזיע
13-14) יו. וואננער: מעשיות וועגן ערד